№ 50 — Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. — פרייז 20 גראשן. — „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכאווער צייטונג

עבאנעמענטס-פרייז: א נומער 20 גראשן.
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

ערשיינט יעדן פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

Piątek, dnia 12 grudnia 1931 — ליכט-צינדען 3.09 — פרייטאג, פ׳ מקץ א׳ טבת תרצ״ב.

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

SALON ART. „FOTO-LONIA"

ALEJA WOLNOŚCI № 1.

ליעבהאבער פון פאטאגראפיע!

אויב איהר האט נאך נישט בעזוכט דעם נייעם פאטאגראפישען סאלאן

פאטאלאניע, אלעע וואלנאשצי 1

ווי ס׳ווערען געמאכט די אריגינעלסטע קינסטלעריכע אויפנאַמען.

קומט און איבערצייגט אייך!

פאר שפאט ביליג, דאס הייסט 12 פאטאגראפיעס נאר 3 זלאטעס.

דער זאקלאד איז אפען פון 9 פריה ביז שפעהט אין דער נאכט, ליכטיג און ווארעם.

מיר גאראנטירען פאר סאלידע ארבייט! — — — — פינקטליכע אויספערטיגונג!

Radjoaparaty i Radjosprzęt

Armatury żyrandole i grzejniki elektryczne
Łożyska kulkowe S. R. O.
Opony samochodwe „Firestone"
Pasy transmisyjne
Wszelkie artykuły techniczne i elektrotechniczne
Wanny kąpielowe odporne na kwasy
Stale świeże baterje anodowe poleca:

Biuro Techniczne „UNION"
Sp. z o. o
PANNY MARJI 14. TEL. 770

FUTRA

wszelkiego rodzaju po cenach przystępnych
poleca na bieżący sezon

Maurycy KORNBERG

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6 TEL. 259

זונטאג, ד. 13 דעצעמבער ד. י. פון 6 ביז 7 א זייגער אָווענד
קומט פאר אין לאקאל גארנצארסקע 21

די אלגעמיינע פערזאמלונג

פון דער חברה „מלבוש ערומים",

אויף וועלכער די געעהרטע בעפעלקערונג, ווי אויך די מיטגלידער ווערען איינגעלאדען.

צום ווינטער = סעזאן 1931=32!

איז דאס פוטער-געשעפט

פון מיכאל איידעלמאן

פילסודסקי 5, פראנט ערשטער שטאק, טעל. 305

פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון אלערארט פוטער - סחורה און איינצעלנע פעל, בלאמען.

פערטיגע דאמען און מענער - פעלצען.

אין מיין ערשטקלאסיגען קירזשנער-ווערקשטעל ווערען אויסגעפערטיגט אלערליי בעשטעלונגען, שנעל, רעיעל, לויט די נייעסטע מאדען, אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט.

דאס פוטער-געשעפט פון די פירמא

פיק און זשעלינסקי

טשענסטאכאוו, 1 אלעע 3

פראנט ערשטער שטאק

איז פערזעהען צום קומענדען סעזאן מיט א גרויסען אויסוואהל

פון אלערליי פוטער-סחורות,

ווי פערשידענע פעל, בלאמען, קעלנער, פעלצלעך אויך פערטיגע און בעשטעלטע דאמען און הערען-פוטערס א. א. א.

ביליגע פרייזען! — — — — רעיעלע בעהאנדלונג!

קומט און איבערצייגט אייך!

אכטונג: פראנט ערשטער שטאק.

ד״ר מעד. ח. פאלק

ספעציאליסט פון

נאז, אויערן און האלז-קראנקהייט

נעמט אן פון 9—11 און פון 4—7

קאשטשושקי 14. טעל. 8-15.

Szkoła tańców

baletm. K. KOSTECKIEGO
w lokalu własnym Waszyngtona 6
uczy Ostatnie Nowości sezonu „Rumba"
Tango argentino, Fox Step, Walc-boston
i inne, w kompletach i pojedyńczo,
Zapisy na kursy I II - III Mazura codz.
od 10 rano do 9 wiecz.

פראקטישע לעקציעס יעדען שבת 8 אָווענד לעצטע מוזיק-שלאגערס. — פאר פרויען—הנחה.

אויפמערקזאם!

שעהנע אנדולאציע און מאניקיר

אין פריזיר-אנשטאלט

שמעון ניישטעטער, ספאדעק 9.

שוין איבערצוגעבען

א געוועלב מיט 2 שטובען

מיט אלע בעקוועמליכקייטען, פאר א צוגענגליכען פרייז ערקונדיגען זיך קראקאווער 44 אין מאנופאקטור-געשעפט

א רוטינירטער בוכאלטער

בעזיצט פרייע שעה׳ן

נעמט אויך אן צו פיהרען ביכער צו זיך אהיים פאר צוגענגליכע פרייזען.

מעלדען זיך אין רעדאקציע פאר H

א גרויס געוועלב מיט א שטוב

שוין צו פערדינגען, אויף קאשאראווא גאס.

ערקונדיגען זיך אין רעדאקציע.

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין בעסטען דאנק די פערוואלטונג פון לעדער-פעראיין ספעציעל מיין אינניגסטען דאנק דעם ה׳ איזידאר הערשליקאוויטש פאר דעם שנעלען ערלעדיגען דעם קאנפליקט מיט משה בערקענשטאט, אויף א שייד - געריכטליכען אייגענווילליגען אופן. פ. זילבערגלייט.

א גוט - רוטינירטע בוכפיהרערין

קארעספאנדענטין

שרייבט אויף מאשין זוכט בעשעפטיגונג פאר שעה׳דיגע ארבייט. ערקינדיגען אין רעד. פאר ג. מ.

ענטשולדיגונג.

דערמיט ענטשולדיג איך זיך פאר דעם פראפ. פעראיין פון לעדער-אינדוסטריע און פאר איהר מיטגליד פנחס זילבערגלייט, צוליב מיין אונטאקטישער האנדלונג אין באצוג צו איהם, אלס צייכען פון חרטה שפענד איך 5 גילדען צו דער דיספאזיציע פון פראפ. לעדער-פעראיין. משה בערקענשטאט.

מעבעל = לעדער

און לעדערנע

אקטען = טאשען

פערקויפט ביליג

ד. וויינבוים אלעע 32

TANIO i DOBRZE

pierze i czyści, farbuje garderobę damską męską i dziecinną.
WYKONANIE ROBOTY SOLIDNE.

14 gr.

kosztuje prania kołnierza z połyskiem, koszuli dziennej 50 gr. w farbiarni chemicznej pralni i bielizny p. f.

„JADWIGA", Strażacka 17.

בברכת מזל - טוב המה תנובעת מעמקי לבי אני מברך לידידי וחברי היקר החברה לי כנפשי מר מיכל גרטלר (מקעלץ) לרגלי ארושין אם העלמה גיטל ורשבסקא (מוילאהן) יתן ד׳ שזוגו יעלה יפה, ויזכה לבנות את עתידו בארץ משאת נפשינו.

ורשא — צ׳נסטחוב. אהרון יוסטמן.

צו דער חתונה פון מיין קוזין אברהם זשארנאוויעצקי מיט פריילין נאטשע קראקאווסקא, וועלכע איז פארגעקומען דינסטאג, דעם 8-טען דעצעמבער 1931, א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט

ווינשט ישראל זיידמאן.

דער דראמאטישער קרייז ביים „טאז" טרעט אויף נאך א לענגערער פארברייטונג

אין א וויספיאנסקי אָווענד

מיט דער בעטייליגונג און רעזשי פון ה׳ י. פיעקארסקי — רעזשיסער פון שטאדטישען טעאטער

פרייטאג ד. 18-טען ד. ה. 8=30 אָווענד אין קאמעראל=טעאטער.

אין פראגראם: „די ריכטער" און א קאנצערט טייל.

בילעטען צו בעקומען ביי ה׳ באטשאן, אלעע 6 און אין „טאז", בערעק יאסעלעוויטש 3, טעל. 7-56.

קרן קימת לישראל, טשענסטאכאוו.

שבת, ד. 12 דעצעמבער ה. י. 10 א זייגער אָווענד ווערט אין פייערלעשער-זאל פארקומען א

גראנדיעזער באל

א. נ. „א נאכט אין תל=אביב"

מיט א רייכען פראגראם. — אויסערגעווערנליכע אטראקציעס!
הערליכער ארקעסטער! — טאנץ ביז׳ן ווייסען טאג אריין!
איינגאנג נור געגען איינלאדונגען!

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט די ג׳ אבנעמער, אז איך האב געעפענט אין טשענסטאכאוו

ערשטע אלעע 4 (ערשטער שטאק, פראנט)

א לאגער פון מאנופאקטור=סחורות א.ד.ג.

„HURTOTEX"

ד. איזביצקי

און איך האב פערזעהען אין א גרויסען אויסוואהל פון:

וואלענע, זיידענע און בוימוואלענע סחורות

וואס ווערען פערקויפט צו פאבריקס=פרייזען.

די לייטונג האב איך איבערגעגעבען דעם ה׳ משה פויסט.

לעזט אויפמערקזאם!

דאס ניי-געעפענטע געשעפט אונטער דער פירמא „JABŁORYB", אלעע 12, האט איינגעארדענט צוליעב דער בעקוועמליכקייט פון געעהרטען פובליקום אין ספעציעלע צימער׳ן ביים געשעפט א קיך ווי מען קען בעקומען א גאנצען טאג פריש געקאכטע, שמאקהאפטע פיש אויך פליישיגע קאלאציעס, צו זעהר ביליגע פרייזען, עס איז אויך איינגעארדענט געווארען א אבטיילונג פון פערשידענע רויכער-פליישען ווי: ווארשט, אויפשניט, ווורשטלעך אד״ג, יעדען טאג פריש, צו קאנקורענץ פרייזען. קומט ווערט איהר זיך איבערצייגען.

מיט אכטונג: „JABŁORYB", Aleja 12

---

50 פראצ. ביליגער! — א זעלטענע געלעגענהייט! — 50 פראצ. ביליגער!

גרויסער אויספערקויף פון

פערשידענע וואלענע סחורות

אויף פאלטענס, קאסטיומס, קליידער

ווי אויך א גרויסער אויסוואהל פון פערשידענע אנדערע רעשטען

צו זעהר ביליגע פרייזען

ביי:

SAMUEL KATZ, Częstochowa

ALEJA 20, TEL. 2-12.

50 פראצ. ביליגער! — 50 פראצ. ביליגער!

אלערארט ביטעס

און בעהערדען געריכטען (סאנדעס), קאנסולאטען. קארעקטע-איבערזעצונגען פון פרעמדע שפראכען. פערפעקטע האנדעלס און פריוואט-קארעספאנדענץ. איבערשרייבונגען אויף מאשינען

ערלעדיגט פונקטליך דאס ביורא

S. STRAUSMAN, Częstochowa
I-a Aleja № 3, tel. 705.

עס האט זיך נישט געלאזט גלויבען.

שוין א געוויסע צייט ווי מען האט געזאגט, אז דער פארשטעהער פון דער דעמאקראטישער גרופע אין דער קהלה ה' ראזענבערג, זאל איבערנעמען דעם אמט אלס פרעזעס, אבער מיר האבען דאס נישט געוואלט און נישט געקענט גלויבען.

מיר קענען דעם ה' ר. אלס א מענש מיט א געוויסער פעראנטווארטליכקייט, א מענש פון געוויסען און טאלעראנץ, און דעריבער האבען מיר בשום אופן נישט געקענט גלויבען, אז ער וועט פלוצים קומען פערנעמען א אמט, וואס איז געגען זיינע פערזענליכע אנשויאונגען און זיך ארויפזעצען אויף א שטוהל, וואס איז פאר איהם ווייט צו הויך.

ווארום אייגענטליך וועמען רעפרעזענטירט ער? אין וועמענס נאמען קומט ער אין דער קהלה? די דעמאקראטישע גרופע, ווייסען מיר דאך אלע, אז זי איז ענטשטאנען אויף צופעליגקייטען, אז דאס איז נישט קיין אויסדרוק פון א וועלכען ס'איז שיכט אדער ריכטונג פון דער יודישער בעפעלקערונג, אז דאס איז בלויז א געלונגענער שפאס, אז א גרופע מענשען האבען זיך געזכט בעת די קהלה-וואהלען און זיי ליין איז נישט געקומען אויפ'ן געדאנק אדורכצופיהרען א געוויסע צאהל מאנדאטען, און אויב עס זענען געקומען צופעליגע אומשטענדען, ווי למשל דאס וואס קיין שום לינקע פארטיי האט נישט ארויסגעשטעלט קיין אייגענע קאנדידאטען צו דער קהלה, און א געוויסער מאס האט אויך צוגעהאלפען דאס, וואס א געוויסע ריכטונג האט באלד אנגעהויבען געגען זיי א שטארקען קאמף, וואס עס האט פערשטארקט זייער פאזיציע, אבער די דאזיגע צופעליגע אומשטענדען געבען נאך ביי קיין פאל נישט דאס רעכט א גרופע, וואס קומט נישט מיט קיין בעשטימטען פראגראם און קיין בעשטימטען ציעל, אז זי זאל איבערנעמען די לייטונג פון אזא קהלה ווי טשענסטאכאוו. בעזונדער ווייסען מיר דאך, אז דער דעמאקראטיזם בעשטעהט קודם-כל אין דעם וואס אפילו די מינדערהייט ווערט טאלערירט, און דא זאל מען קומען און איגנארירען די מעהרהייט, ווייל דער צופאל האט דער מינדערהייט מיטגעהאלפען אין איהר נצחון, קען דאס הייסען דעמאקראטיזם?

מיר גלויבען, אז ה' ראזענבערג וועט צו אונז גארנישט האבען, ווען מיר וועלען זאגען דעם אמת, אז די יודישע רעליגיעזע ענינים אינטערעסירען איהם לגמרי נישט. און די קהלה איבערהויפט לויט'ן נייעם געזעץ, האט זיך צו פערנעמען בלויז מיט ריין-רעליגיעזע זאכען, היינט ווי קומט ער צו וועלען זיך אנטהון א „חלוקא דרבנן" און זיך פערנעמען מיט שחיטה, מקוה און נאך אזעלכע ענינים?

לויט אונזער פערזענליכען שטאנדפונקט דארף א פרעזעס פון אזא קהלה ווי טשענסטאכאוו זיין נישט בלויז קיין נאציאנאלער יוד נאר טאקי אויך וועניגסטענס אין א געוויסער מאס רעליגיעז. מיר האלטען אויך, אז אויפ'ן העכסטען אמט פון דעם יודישען טשענסטאכאוו דארף שטעהן א מענש, וואס בעהערשט די העברעאישע שפראך און בעזיצט די נויטיגע ידיעות אין אונזער אלט-נייער העברעאישער אונערשעפליכער קולטור. אזוי איז דאס דאכט זיך ביי יעדער אומה ולשון און די דאזיגע גרונד-פרינציפען קען מען דאך מיט קיין דעמאקראטיע נישט דעקען.

אמת, די אגודה, וואס האט געשאפען דעם בעריהמטען פאראגראף 20 (לויט וועלכען דער יוד, וואס איז נישט שטרענג רעליגיעז האט זאגאר נישט קיין וואהל-רעכט צו דער קהלה) האט דא מיטאמאל געכשר'ט דעם ה' ר. אלס פרעזעס, אבער מיר זענען דאך נישט אזוי נאאיוו, אז מיר זאלען נישט פערשטעהן, אז זיי האבען דאס געטהון ווייל אנדערש וואלטען זיי נישט געהאט די מעגליכקייט אריינצופיהרען זייערען א וויצע-פרעזעס, האבענדיג סך-הכל 2 מיטגלידער אין דער פערוואלטונג. אבער צי איז טאקי די דעמאקראטישע גרופע געשאפען געווארען כדי מיטצוהעלפען דער אגודה אין קאמף פאר איהר העגעמאניע אין די יודישע קהלות?

איצט פון פראקטישען שטאנדפונקט. מיר ווייסען אז די קהלה-ווירטשאפט געפונט זיך אין א שרעקליכען מצב, אז אלץ איז חרוב און זאגאר דער קוואליפיצירטער ערפאהרענער מענש אויף דעם געביעט, וואלט אויך געמוזט זיך געבען אנשטרענגען און אפשר מיט דער הילף פון אלע נייע כוחות, וואס זענען אריין אין דער קהלה וואלט איהם געלונגען ווי עס איז אהערצושטעלען די ווירטשאפט אויף א בעסערען מצב, דאס איז דאך א גרויסע קאמפליצירטע מאשין, וואס דארף אנגעפיהרט ווערען דורך א פאכמאן, וועלכער קען אלע שרייפעלעך און די קלענסטע טעכנישע טיילען, צו וועלכען מען מוז האבען די נויטיגע אויסשולונג, די פראקטישע ערפאהרונג און קיין שום פעהיגקייטען ווילען צו דעם נישט העלפען.

אמת, מיר ווייסען, אז מען האט געגען איהם שרעקליך אינטריגירט, אז די רכילות און פליאטקעס האבען ארויסגערופען בייז בלוט און געשאפען אזא מין להכעיס-שפיעל, אבער דאס בערעכטיגט ביי קיין פאל נישט צו מאכען אזא שריט, איבערצונעמען אזא שווערען פעראנטווארטליכען אמט, ווי דאס אנפיהרען מיט א קהלה פון דרייסיג טויזענד נפשות.

און דאריבער, קענענדיג מעהר-וועניג דעם ה' ראזענבערג, האבען מיר נישט געגלויבט, אז ער איז באמת גרייט אזא שריט צו מאכען, מיר האבען זיכער געגלויבט אז דאס איז א פאליטישער מאנעווער.

מען זאגט אז עס איז נישט געווען קיין אויסוועג, ווייל ה' ג. וואלט דורך דער מאכט געוויס נישט בעשטעטיגט געווארען און די קהלה-ווירטשאפט וואלט נאכמעהר חרוב געווארען, אבער צי איז דען די קהלה מיט איהרע רבנים, שוחטים, מקוה און אנדערע כלי-קודש טייערער איהר, דער דעמאקראטישער גרופע, מעהר ווי דער גאנצער מעהרהייט פון די קהלה-מיטגלידער?

ניין, מיר האבען נישט געוואלט און נישט געקענט גלויבען, אז ה' ראזענבערג, א מענש מיט פערשטאנד און פעראנטווארטליכקייט זאל מאכען אזא פעהלען שריט, אבער מיר האבען א ביטערען טעות געהאט.

י. פ.

געוועהלט א פרעזידיום פון דער קהלה-פערוואלטונג

מיט 5 שטימען אויסגעוועהלט אלס פרעזעס ה' ראזענבערג (דעמאקראטען) און אלס וויצע-פרעזעס ה' פאגעל (אגודה).

ווי מיר האבען מיטגעטיילט איז אויף פערגאנגענעם זונטאג אווענד בעשטימט געווארען א זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג, אויף וועלכער עס האט געדארפט ענדגילטיג אויסגעוועהלט ווערען א פרעזידיום.

צו דער זיצונג זענען געקומען אלע פערוואלטונגס-מיטגלידער, אויסער דעם פרעזעס ה' גאלדשטיין, וועלכער איז געהאט אבגעפאהרען, עס איז אויך געווען אנוועזענד דער רב רבי נחום אש שליט"א און דער רעפערענט פון סטאראסטא ה' זשעמבא.

וויצע-פרעזעס ה' נ. קאהן עפענט די זיצונג און לעזט פאר א בריעף פון פרעזעס גאלדשטיין, וועלכער טיילט מיט אז ער האט געמוזט אוועקפאהרען און דאריבער ווערט די זיצונג געפיהרט דורך ה' קאהן.

אויפ'ן טאג-ארדנונג געפונט זיך נאר איין-איינציגער פונקט: וואהלען פון פרעזידיום.

דאס ווארט בעקומט דאזאר מערינג, וועלכער לעזט פאר א דעקלאראציע אונטערגעשריבען דורך דער ציוניסטיש-מזרחיסטישער גרופע, וועלכע לויטעט פאלגענד:

„אין קאמף, וועלכער האט זיך זייט א לענגערע צייט צופלאקערט ארום די פרעזידיום-וואהלען אין דער יודישער קהלה אין טשענסטאכאוו האט דער רוב פון דער פערוואלטונג, וועלכער רעפרעזענטירט די מעהרהייט וועהלער זיך ארויסגעזאגט ביז-איצט פיעל מאל פאר דער קאנדידאטור פון פארזיצענדען ה' שמואל גאלדשטיין, פאר דעם יעצטיגען פיעליעהריגען פארזיצענדען פון דער קהלה.

אבער צוליעב דער נעגאטיווער שטעלונג פון דער אויפזיכטס-מאכט צו דער דאזיגער קאנדידאטור פון איין זייט און אינטריגאנטישע מאכינאציעס פון יחידים פון דער מינדערהייט—פון דער צווייטער זייט, איז נישט געלונגען אדורכצופיהרען אויפ'ן רעפרעזענטאנץ-פלאץ דעם איינציגען פאסיגען קאנדידאט צווישען אלע מיטגלידער פון דער נייער פערוואלטונג, נישט ערמעגליכענדיג דערמיט דער מעהרהייט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין טשענסטאכאוו אויסצונוצען איהרע רעכט לויט'ן געזעץ.

מיר האבען זיך ביז-איצט ענטגעגענגעשטעלט און מיר שטעלען זיך ווייטער געגען די ארויסגעשטעלטע דורך דער מינדערהייט קאנדידאטען, צוליעב פאלגענדע טעמים:

1) קיין איינער פון זיי האט נישט קיין שום געזעלשאפטליכע קוואליפיקאציעס צו קענען ווירדיג רעפרעזענטירען דאס טשענסטאכאווער יודענטום און גיט נישט קיין שום פערזיכערונג אז דאס דורך דורות און שוויס ערארבערטע פערמעגען וועט דורך זיי אויפגעהאלטען ווערען. דאגעגען לויט דער נישט-בעדייטענדער טעטיגקייט פון אייניגע איז צו זעהען, אז זיי זענען א דעסטרוקטיווער און נישט-שאפענדער עלעמענט.

2) קיינער פון די ביז-יעצטיגע קאנדידאטען אויף פארזיצער רעפרעזענטירט נישט קיין שום ריכטונג סיי א געזעלשאפטליכע סיי א קולטורעלע, נור צוליעב אייגענע אמביציעס און מאטעריעלע פעראינטערעסירונג פון אונטערפיהרער ווילען זיי פערכאפען די מאכט אין דער יודישער קהלה, אפילו אויף דער רעכנונג פון דערזעלבער קהלה, וועלכער איז די איינציגע זעלבסטפערוואלטונג פון יודענטום.

נישט האבענדיג די מעגליכקייט אריינצופיהרען אויף דעם פעראנטווארטליכען אמט ה' שמואל גאלדשטיין וועלכען די מעהרהייט וועהלער האט אנערקענט אלס דעם איינציגען קאנדידאט. און נישט קענענדיג נעמען די פעראנטווארטליכקייט פאר אנדערע אויף דעם פאסטען, נישט-ענטשפרעכענדע און טויגבארע מענשען, וועלכע ווילען זיכער צופיהרען די קהלה צו א רואין, ערקלערען מיר, אז מיר נעהמען נישט קיין אנטייל אין די פרעזידיום-וואהלען.

גלייכצייטיג שטרייכען מיר אונטער, אז מיר וועלען זיין אין דער שטארקסטער אפאזיציע געגען די אוזורפאטארען און „קאציקעס", ד. ה. „תקיפים" אין דער צייט פון שווערען קאמף פון יודענטום פאר זיין עקזיסטענץ און נאציאנאלע עהרע.

טשענסטאכאוו 6 דעצעמבער 1931".

בעת'ן לעזען די דעקלאראציע האט דער פארזיצענדער אייניגע מאל אויפמערקזאם געמאכט אויף די צו-שארפע אויסדריקען, וואס געפונען זיך דארט, וועלכע זענען נישט-דערלאזבאר.

מען טרעט צו צו די וואהלען אין וועלכע ס'נעמען אנטייל נאר 8 פון אנוועזענדע פערוואלטונגס-מיטגלידער, אין רעזולטאט זענען אבגעגעבען געווארען 5 שטימען פאר ה' ראזענבערג אלס פרעזעס און ה' פאגעל — וויצע-פרעזעס און 3 דאזארעס האבען אבגעגעבען ווייסע צעטלען. די 5 שטימען זענען געווען 2 אגודה, 2 דעמאקראטען און 1 אונפארטייאישער. די ווייסע צעטלען האבען געגעבען דער רב און 2 האנדווערקער-דאזארעס.

די ציונים און מזרחים האבען אין צוזאמענהאנג מיט דער אבגעגעבענער דעקלאראציע זיך אין די וואהלען נישט בעטייליגט.

ווי שעהן איז די „נאכט אין תל-אביב".

(32

די פערפאלגטע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך **י. געלזאהן.**

(פארטזעצונג).

22

שוין 5 יאהר ווי אהרן פעלדמאן איז פערשוואונדען געווארען.

קיינער פון זיינע פריינד און פאמיליע האבען נישט געוואוסט וואו ער געפונט זיך און קיינער האט זאגאר שוין נישט געגלויבט, אז ער לעבט נאך.

די ערשטע צייט איז אלעס מעגליכע געטהון נעווארען איהם אויפצוזוכען, זיינע קינדער וויקטאר און מרים, אויך זיין קראנקע און שוואכע פרוי האבען אנגעקלאפט אין אלע טירען, פון זיינע פריינד, וואס זענען געווען די גרעסטע פערזענליכקייטען אין רוים, אבער קיין שפור פון איהם האבען זיי נישט געקענט געפונען.

זיי זענען געווען זיכער, אז די יעזואיטען האבען זיך אין איהם נוקם געווען פאר דעם, וואס איהם איז געקומען ביי זיי גרויסע סומעס געלד. אויך האבען זיי נישט געקענט דערלאזען אז דער יוד זאל אבנעהמען דעם גרויסען חוב, וואס איז איהם געקומען פון די ברידער גראנאט, דאריבער האבען זיי איהם בעזייטיגט. און געגען די יעזואיטען האט קיין שום מאכט נישט געקענט ארויסטרעטען. און אזוי האבען זיך אלע פון איהם מיאש געווען, און וואס לענגער עס האט געדויערט, זענען זיי זיכער געווען, אז ער לעבט נישט מעהר.

אבער אהרן פעלדמאן האט געלעבט א לעבען פון א טויטען, ער איז געווען פערשפארט אין א טיעפער אונטערערדישער הייל, וואס האט זיך געפונען אין איינעם פון די גרויסע רוימישע קלויסטערס, ווייל די יעזואיטען האבען איהם נישט געוואלט אומברענגען, נאר האלטען דאס גאנצע לעבען פערשפארט, זייענדיג זיכער אז דער דאזיגער איידעלער מאן, וואס איז געוואוינט צו לעבען אין רחבות, וועט נישט לאנג אויסהאלטען דאס אונטערערדישע הינטישע לעבען.

קיינער האט וועגען זיין ארעסט נישט געוואוסט, בלויז די עטליכע יעזואיטען, וואס האבען איהם דארט פערשפארט, זאגאר דער וועכטער, וואס פלעגט דורך א קלייגע עפנונג אריינגעבען דאס ארימע ביסעל עסען יעדען טאג, האט אויך נישט געוואוסט ווער דער געפאנגענער איז, ער האט בלויז בעקומען א שטרענגען אנזאג אז ער זאל וועגען דעם קיינעם נישט דערצעהלען און ער האט געפאלגט. די שליסלען פון דעם קעלער וואו פעלדמאן איז געזעסען האט דער וועכטער נישט געהאט, זיי האבען זיך געפונען ביי איינעם פון די יעזואיטען און ער האט זאגאר דעם מענש אין פנים קיינמאל נישט געזעהען.

און דער איידעלער מאן האט פארט אין דער שוידערליכער אונטערערדישער תפיסה אויסגעהאלטען גאנצע 5 יאהר.

די ערשטע צייט איז ער געווען שרעקליך דענעדווירט, דאס אבריסען איהם פלוצים פון זיין פרייען לעבען, פון זיין פרוי און קינדער, האט אויף איהם געמאכט א פערשטענדליכע ערשיטערענדע ווירקונג און ער האט נישט געגלויבט, אז ער וועט דאס לאנג איבערהאלטען, ער איז פשוט שיעור משוגע געווארען פאר צרות און פיין, אבער דער דאזיגער פרומער און עהרליכער יוד, האט זיך אנגעהויבען צו פערלאזען אויף גאט און פעסט צו גלויבען, אז דער בארמהערציגער גאט וועט איהם נישט לאזען אומקומען אונשולדיג, ער האט געוואוסט, אז אויב ער וועט נישט געניסען פון דעם עסען וואס מען גיט איהם, וועט ער געוויס נישט קענען לעבען און דאס וואלט געהייסען א „מאבד עצמו לדעת", וואס קיין יוד טאר נישט טהון און בעזונדער אויב ער וועט דא שטארבען אין דעם אונטערערדישען קעלער, וועט ער אפילו נישט קומען צו קבר ישראל. דאריבער האט ער אנגעהויבען צו געניסען פון דעם ברויט מיט וואסער, וואס מען פלעגט איהם דערלאנגען, וויסענדיג אז כל זמן ער לעבט קען ער נאך האבען א האפנונג בעפרייט צו ווערען.

עס זענען אבער אוועק הדשים און יאהרען, ער איז וואס אמאל שוואכער און שוואכער געווארען. די כחות האבען איהם איינציגווייז אבגעלאזט און ער האט שוין ווידער אנגעהויבען צו פערלירען יעדע האפנונג בעפרייט צו ווערען, ער האט שוין מעהר נישט געגלויבט אין זיין בעפרייאונג זעהענדיג, אז עס געהט אוועק אזא לאנגע צייט.

אבער ווען ער האט זיך שוין געפונען אויף דער העכסטער שטופע פון יאוש און פערצווייפלונג האט פאר איהם אויפגעשיינט א שטראהל פון האפנונג.

איינמאל אין א געוויסען טאג, ווען ער האט דורך דער עפנונג בעקומען זיין טעגליכע פארציע עסען, איז ער ערשטוינט געווארען זעהענדיג, אז אנשטאט טריקען ברויט מיט וואסער, געפונען זיך דארט פיינע שפייזען, פרוכטען און וויין.

אין אנפאנג האט ער מורא געהאט די שפייזען אנצוריהרען, ער האט נישט געקענט פערשטעהן וואס דא קומט פאר, אבער נאך עטליכע טעג האט ער ביי זיך געטראכט, אפשר האבען זיך זיינע פריינד אדער זיין פאמיליע אין איהם דערמאנט און פון זיי קומען די גוטע עסענס. און אפשר מעגליך איז דאס גלאט א נס פון הימעל, כדי איהם צו דערהאלטען און געבען כח נאך צו לעבען.

האט ער בעשלאסען צו געניסען פון די גוטע עסענס און דא איז נאך צוגעקומען דאס קורצע בריוועל, וואס ער האט אויפ'ן דריטען טאג בעקומען צוזאמען מיט דעם עסען (וואס ראזא האט איהם געשיקט), דאס איז שוין גענוג געווען, אז ער זאל יעדען טאג אויפעסען די איהם געשיקטע שפייזען מיט וויין.

און דאס האט אויף איהם קאלאסאל געווירקט. אויסער דעם וואס די גוטע שפייזען האבען איהם געקרעפטיגט און צוגעגעבען פרישע כחות האט דאס אין איהם דערוועקט נייע האפנונגען, זעהענדיג אז ס'איז נאך פערהאנען א לעבעדיגער מענש, וואס אינטערעסירט זיך מיט איהם און ער האט ווידער אנגעהויבען צו גלויבען אז גאט וועט זיך איבער איהם דערבארימען און ער וועט נאך בעפרייט ווערען.

און עס איז פאקטיש געווען א גרויס וואונדער ווי אזוי דער דאזיגער אומגליקליכער מענש איז אינגאנצען אנדערש געווארען, זיין האפנונג האט זיך פון טאג צו טאג געשטארקט און איהם צוגעגעבען פרישע כוחות און טראץ דעם וואס עס האט זיך ווייטער געצויגען עטליכע חדשים און אין זיין טרויעריגע לאגע איז קיין ענדערונג נישט פארגעקומען, איז אבער אזוי לאנג ווי ער האט בעקומען יעדען טאג דאס גוטע עסען מיט די קורצע צוגעשיקטע בריוועלעך, האט זיך זיין בטחון אלץ געשטארקט.

אבער אין א געוויסען טאג איז דער אומגליקליכער אהרן פעלדמאן ווידער ענטוישט געווארען, אזוי ווי ער וואלט אראבגעפאלען פון הימעל אין דער ערד-אריין.

אין דער בעשטימטער שעה ווען מען פלעגט איהם יעדען טאג אראבלאזען דאס עסען, ווען ער האט דערווארט צו בעקומען די גוטע שפייזען מיט די בעקאנטע גרוסען, האט ער ווי אמאל ווידער בעקומען א שטיקעל טריקען ברויט מיט אביסעל וואסער...

ער איז שרעקליך פערצווייפעלט געווארען, אזוי ווי עס וואלט איבערגעריסען געווארען דער איינציגער פאדים פון זיין לעבען און אלע זיינע האפנונגען זענען אויסגעלאשען געווארען.

דאס איז געווען דערפאר, ווייל ווי מיר האבען שוין געשריבען זענען פארגעקומען די אונטערזוכונגען פון די גייסטליכע אין גאנצען קלויסטער און דעריבער האט דער וועכטער מורא געהאט צו טראגען די פעקלעך פון ראזא'ן צו דעם געפאנגענעם. פעלדמאן האט אבער פון קיין זאך נישט געוואוסט און דאס האט איהם אריינגעפיהרט אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

אויפ'ן אכטען טאג נאכדעם, ווען אהרן פעלדמאן איז געלעגען אויף דער ערד אין זיינע שרעקליכע צרות האט זיך איהם געדאכט, אז ער הערט פפיס א גערודער נעבען זיין קעלער. ער האט גוט אנגעשטרענגט זיין שוואכען געהער און האט וואס אמאל דייטליכער געהערט מענשליכע שטימען, וואס ער האט נישט געהערט זינט ער זיצט דא פערשפארט.

(פארטז. קומט).

וויפיעל מענשען אין אייראפא רעדען יודיש?

אינטערעסאנטער שפראכען סטאטיסטיק. — אין אייראפא רעדט מען אויף 120 לשונות. — יודיש רעדען מעהר מענשען ווי טשעכיש, גריכיש, שוועדיש און פיעל אנדערע לשונות.

צוגעשיקט פאר אונזער צייטונג פון **ז. האבער.**

פערהאנען א מעשה'לע: ווען קאלומבוס האט ענטדעקט אמעריקא און האט זיך שוין שטארק געפרעהט צו קומען אין א לאנד, וואו קיין שום בן-אדם איז נאך נישט געווען, האט ער דערזעהן פון דער ווייטענס א פערשוין, וואס איז שנעל צו איהם צוגעלאפען און איהם בעגריסט מיט די טשעכישע ווערטער: „מויצטא פאניע קאלומבוס, מאסעד טאקי טאדי“ (שלום-עליכם ה'קאלומבוס, איך בין אויך דא) דערמיט האט מען געוואלט זאגען, אז די טשעכען זענען אזוי פערשפרייט אויף אלע עקען פון דער וועלט, אז אפילו דארט זענען זיי שוין געווען נאך פאר קאלומבוס'ן...

אויף וויפיעל דאס מעשה'לע זאל בלויז זיין א לצנות, אויף אזוי פיעל איז זיכער, אז ס'איז נישט פערהאנען קיין איין לאנד אין דער וועלט, וואו ס'זאלען נישט זיין קיין טשעכען און מ'זאל נישט הערען די טשעכישע שפראך.

די טשעכישע נאציאנאליסטען ארבייטען אן אין זייער פרעסע אזוי פיעל גערודער, אז פאר'ן זייטיגען מענש מאכט עס דעם רושם, אז נאכ'ן ענגלישען, דייטשען, רוסישען און פראנצויזישען רעדט מען אויף דער וועלט צומייסט נור טשעכיש.

ביים לייפציגער מעסעאמט מאכט מען פראפאגאנדע אין דער גאנצער וועלט און מ'מוז זיך דארט בעדינען מיט כל-ערליי לשונות, נישט ווייניגער ווי אויף 34 שפראכען, זשארגאנען און דיאלעקטען ווערט דארט געפיהרט א קארעספאנדענץ און עס געהען אוועק בראשורען, בריעף און אויפרופען אויף שפראכען, פון וועלכע מיר האבען אפילו קיין בעגריף נישט.

די צעהן-טויזענדער אויסשטעלער פון דער גאנצער וועלט האבען א רעכט צו פערלאנגען, אז דער מעסע-אמט זאל פאר זיי מאכען פראפאגאנדע צווישען די סוחרים פון דער גאנצער וועלט בכתבם ובלשונם.

ס'איז דעריבער קלאר, אז ביים לייפציגער מעסע-אמט ווייסט מען גאנץ גענוי וועלכע לשונות ס'ווערען גערעדט און אין וועלכער צאהל ס'זענען פערהאן מענשען, וואס בעדינען זיך מיט דער שפראך.

און דעריבער איז כדאי זיך צוצוקוקען צו דער סטאטיסטיק איבער די פערשידענע לשונות, למשל אין אייראפא, וואו ס'איז פערהאנען דער גרעסטער ווירוואר פון לשונות, און זעהט מען די דאזיגע סטאטיסטיק, קומט מען צו רעזולטאטען, אויף וועלכע מ'האט זיך קיינמאל נישט געקענט ריכטען אפילו.

קודם-כל איז כדאי צו וויסען, אז אין גאנץ אייראפא רעדט מען 120 פערשידענע לשונות. א מין דור הפלגה... א טורם פון בבל... צומייסט בעדיענט מען זיך אין אייראפא מיט דער דייטשער שפראך. נישט ווייניגער ווי 81 מיליאן מענשען רעדען אין אייראפא דייטש. נישט נור אין דייטשלאנד, נאר כמעט אין אלע לענדער, רעדען פיעל טיילען פון דער בעפעלקערונג דייטש.

פון 140 מיליאן מענשען, וואס וואוינען אין אייראפעאישען רוסלאנד רעדען בלויז 70 מיליאן רוסיש. די אנדערע העלפט רעדט אין פערשידענע לשונות. 34 מיליאן רעדען אוקראיניש און אין קאווקאז רעדט מען אויף 70 פערשידענע שפראכען. די מעהרסטע פון די דאזיגע שפראכען, רעדען בלויז א גאנץ קליינע גרופע פון מענשען. אזוי איז פערהאנען אויפ'ן קאווקאז א דיאלעקט וואס רופט זיך יודיש (האט נישט מיט יודיש קיין שום שייכות) און אט דער דיאלעקט ווערט נור גערעדט אין צוויי דערפער דורך אנ'ערך פון הונדערט מענשען.

בכלל זענען אייראפא פערהאנען 10 לשונות, וועלכע ווערען גערעדט פון מעהר ווי 5 מיליאן מענשען, 37 לשונות ווערען גערעדט פון מעהר ווי א מיליאן מענשען און 68 לשונות ווערען גערעדט פון מעהר ווי 100 טויזענד מענשען.

נאך דייטש און רוסיש רעדען אין אייראפא 47 מיליאן מענשען ענגליש, 40 מיליאן—איטאליעניש, 40 מיליאן—פראנצויזיש, 23 מיליאן—פויליש, 16 מיליאן—שפאניש, 11 מיליאן—האלענדיש-פלעמיש, 10 מיליאן אונגאריש, מעהר ווי 9 מיליאן סערבא - קראאטיש און פארטוגעזיש און **א ערך ניין מיליאן מענשען רעדען אין אייראפא יודיש.** ערשט נאך יודיש קומט: טשעכיש, גריכיש, שוועדיש, בולגאריש, דעניש, פיניש, נארוועגיש, טערקיש א"א.

ס'איז אינטערעסאנט צו וויסען, אז צווישען די גרעסטע 19 אייראפעאישע לשונות, ווערט אויך גערעכענט דאס יודיש מיט זיינע 9 מיליאן מענשען אין אייראפא גופא.

נאפאלעאן און חנוכה.

(א היסטארישע ערינערונג)

פון **משה פיינקינד.**

מארשירענדיג אויף רוסלאנד איז נאפאלעאן'ען אויסגעקומען צו פערבלייבען א געוויסע צייט אונטערוועגס אין קעניגסבערג, פרייסען.

פונקט איז דאמאלס געווען חנוכה. די יודען אין קעניגסבערג האבען נישט קוקענדיג אויף דער געפאהר, וואס עס האט זיי געדראהט צוליעב די מיליטערישע אפעראציעס אין זייער שטאדט, אנגעצינדען ווי תמיד אין זייערע וואוינונגען די חנוכה ליכט און זיך משמח געווען מיט די נסים, וואס האט אין די אלטע צייטען געטראפען די יודען, ווערענדיג פריי פון די יונים'ס הענד און זייערע אונטערדריקער.

און דערוויסענדיג זיך, אז נאפאלעאן געפונט זיך אין זייער שטאדט, האבען זיך די יודען געאיילט איהם אנטקעגען צו געהן צו בעגריסען דעם מעכטיגען קייזער אין נאמען פון דער קהלה.

א ספעציעלע דעפוטאציע פון די אנגעזעהענסטע יודען מיט'ן רב בראש האט זיך צום קייזער געמעלדען און איהם דערלאנגט א טראנספארענט אין אין געשטאלט פון א מנורה מיט דער אויפשריפט „חנוכה“.

נאפאלעאן האט די יודישע דעפוטאציע זעהר פריינדליך צוגענומען און געדאנקט פאר דעם כבוד, וואס די יודען האבען צוגעטיילט, צוזאגענדיג דערפאר אומעטום זיין שוץ א. א. וו. אבער דערזעהענדיג די העברעאישע אויפשריפט אויפ'ן טראנספארענט האט ער זיך געפרעגט. וואס האט דאס צו בעדייטען.

דער אנפיהרער פון דער דעפוטאציע, האט נאפאלעאנ'ען ערקלערט, אז דאס ווארט בעשטייט פון די ראשי תבות „חכמות נאפאלעאן וגבורתו כבשו העולם“, ד. ה. נאפאלעאנ'ס חכמה און זיין גבורה האט די וועלט בעצווינגען, און אין דער צוזאמענשטעלונג פון די דאזיגע ראשי תיבות מאכט עס „חנוכה“, וואס איז ביי יודען א יום-טוב, ווען זיי פייערען פונקט איצט לכבוד און צום אנדענקען פון נצחון. וואס די יודען האבען געהאט איבער די אלטע יונים...

נאפאלעאן זייענדיג נייגעריג צו וויסען אין וועלכער צייט און וואו די יודען האבען געהאט א זיעג און מיט וועמען, האט ער זיך געלאזט גענוי איבערגעבען פון יום-טוב „חנוכה“, פון די גרויסע גבורות פון די חשמונאים און פון זייער העלדישען אנפיהרער יהודה מכבי א. א. וו. א. א. וו., און אויסהערענדיג דאס אלץ מיט גרויס אויפמערקזאמקייט האט נאפאלעאן מיט א שמייכעל אויף די ליפען זיך פריינדליך געזעגענט מיט דער יודישער דעפוטאציע, וועלכע האט געזעגענדיג זיך מיט איהם אויך איהם געווינשען א זיעג איבער די היינטיגע יונים...

דער צופאל האט אבער געוואלט, אז נאפאלעאן זאל האבען אין רוסלאנד ביי די יונים א גרויסע מפלה, און ראטעווענדיג קוים זיין לעבען מיט א ביסעל חייל, איז איהם אויסגעקומען דורכצומארשירען מיט זיין נידערגעשלאגענער ארמעע ווידער איבער פרייסען און קעניגסבערג.

די קעניגסבערגער יודען האבען איהם אבער דאס מאל נישט מעהר געמאכט קיין קבלת פנים, נישט מעהר איהם אקעגענגעגאנגען און אויך נישט קיין דעפוטאציע צו איהם געשיקט, אבער זיי האבען ארויסגעשטעלט פאר דער גאס א טראנספארענט ווידער מיט דער אויפשריפט „חנוכה“, וואס האט שוין געהאט א גאנץ אנדערע בעדייטונג, דארט זענען געווען די ראשי תיבות פון „חוצפת נאפאלעאן וגאותו כלתה הכל“ — נאפאלעאנס חוצפה און זיין שטאלצקייט, האט אלץ צו גרונד געבראכט...

די דאזיגע שארפזיניגע אויסטייטשונג פון די ראשי תיבות פון דעם נאציאנאל היסטארישען יום-טוב „חנוכה“ האט די די קעניגסבערגער יודען אבגעראטעוועט פון א גרויסער קאטאסטראפע, וואס האט זיי געדראהט נאכדעם ווי קעניגסבערג איז צוריקגעגאנגען אין די הענד פון די פרייסען.

מען האט די יודען צוליעב זייער „העלדישקייט“, וואס זיי האבען ארויסגעוויזען בשעת דעם ריקצוג פון נאפאלעאן איבער פרייסען. געשענקט דאס כלומרשט שווערע פערברעכען, וואס זיי זענען בעגאנגען מיט'ן פייערליכען קבלת פנים, וואס זיי האבען איהם געמאכט בשעת זיין מארש אויף רוסלאנד.

פאר די קעניגסבערגער יודען איז דאן „חנוכה“ בעזונדערס געווען א דענקווירדיגער טאג פון די ניסים, וואס איז מיט זיי געשעהן אין יענע שווערע טעג פון נאפאלעאנ'ס מפלה.

„טאז“.

IV

די טובערקולאזע אלס א קראנקהייט, וואס האט א דירעקטען שייכות צום לעבענס-ארט פון די ברייטערע מאסען, וועלכע זענען, ווי כ'האב עס שוין דערמאנט, די הויפט - ליפעראנטען פון די טובערקולאז-קראנקע, האט געמוזט פערנעהמען א גרויס ארט אין דער „טאז“-ארבייט.

אמת, פון דער סטאטיסטיק, וואס איז צוזאמענגעשטעלט געווארען אין א רייהע לענדער איז צו זעהן, אז די קרענקליכקייט און שטערבליכקייט אויף טובערקולאז צווישען יודען איז פיעל קלענער ווי צווישען נישט-יודען, לאמיר אבער דעם ענין פון אויפקלערען די סבות פון דער דאזיגער ערשיינונג, איבערלאזען פאר די געלעהרטע און זיך פערנעהמען מיט די מיטלען, וואס זענען נויטיג אנצונעהמען, בכדי דער קאמף מיט דער קרענק זאל האבען ערפאלג.

לטובת דער זאך האט מען זיך גמוזט פערטראכטען איבער דער נויטווענדיגקייט פון א סיסטעמאטישער ארבייט און—פערשטעהט זיך—אין דער ערשטער רייהע צווישען די שול-קינדער.

די פארמען און ליידען פון טובערקולאזע ביי קינדער אונטערשיידען זיך פון דער טובערקולאזע ביי דערוואקסענע און פאדערן דעריבער א ספעציעלע בעריקזיכטיגונג.

דאס קאנצענטרירען דעם קאמף מיט דער קרענק צווישען דער יוגענד גיט אויך די מעגליכקייט עוקר צו זיין די מחלה פונ'ם שורש, ווי אויך צו פערקלענערן די סכנה פון אנשטעקונג פאר דער גאנצער שול-סביבה.

אלס קינדער בעדראהטע מיט דער טובערקולאזע ווערען בעטראכט קראנקע אויף זאלזע, פערגרעסערטע דריזען (גרוזשלעס) אד"ג. אלזא אלע סקראפולאזע קינדער ווערען בעטראכט אלס קאנדידאטען אויף טובערקולאזע, וועלכע מוזען זיך געפונען אונטער א גענויער מעדיצינישער אבסערוואציע.

דער קאמף מיט דער געפעהרליכער קראנקהייט אויפ'ן געביעט פון דער פוילישער מלוכה פיהרט דער „אלפוילישער אנטיטובערקולאז-פערבאנד“, וואס ווערט סובסידירט דורך דער מלוכה און זעלבסטפערוואלטונגס-ארגאנען.

„טאז“, וואס נעמט אריין אין איהר פראגראם דער קאמף מיט דער טובערקולאזע, איז ממילא אויך א מיטגליד פון דאזיגען פערבאנד און פיהרט די ארבייט עפ"י רוב נור פאר דער יודישער גאס (כאטש אין אלע אנשטאלטען פון „טאז“ ווערען אנגענומען אויך נישט-יודען אהן יעדער בעגרעניצונג).

דער אלף-בית פון א ראציאנעלער ארבייט אויף דעם געביעט איז די שטענדיגע קאנטראל איבער'ן קראנקען און זיין סביבה, וואס ווערט אדורכגעפיהרט דורך מאדערן - איינגעארדענטע

וואס געהערט, וואס געזעהן.

ווען מען זאל אויסהאקען די וועלדער און פון זיי מאכען פעדער'ס, פון די הימלען — פארמעט, און פון די ימים — טינט, (אזוי ווי עס זאגט זיך דארט אין אקדמות) וואלט נישט געווען מעגליך אלץ צו בעשרייבען, וואס עס האט זיך אבגעטהון אין די ערשטע טעג פון היי-יאהריגען חנוכה.

א אונגעהויערע שפע פון פארשטעלונגען, קאנצערטען, פערוויילונגען און דאנסינגען זענען פארגעקומען לכבוד חנוכה און ווער איז דאס אומשטאנד פון יעדען ארויסטריט אבער פייערונג אבצוגעבען א בעריכט. דעריבער וועלען מיר די געזעלשאפטען אדער חברות מוחל זיין, ווען זיי וועלען ביי מיר ארויספאלען, דאס איז צוליעב זייער שולד... און אויך אפשר צוליעב מיין שולד...

איין זאך איז אבער קלאר, אז חנוכה איז א טייערער יום-טוב און מען קאן איהם אויסנוצען כדי צו בעקומען

חנוכה געלד...

ווארים אלע אונטערנעהמונגען אויסער א קליינער אויסנאהם, זענען דאך נאר איינגעארדענט געווארען נישט אזוי ווייט צו בעזינגען דעם גרויסען נס פון חנוכה, אויך נישט וועגען דעם קריגעל אייל, וואס האט אנשטאט איין נאכט געברענט גאנצע 8 טעג, נאר וועגען דעם ביסעלע מזומן, וואס מען קאן מאכען אין די טעג פון חנוכה.

א טהייערער יום-טוב און נאך א טהייערער פאלק זענען די יודען, וואס וויסען ווי אזוי אויסצונוצען דעם יום-טוב, כדי צו מאכען א ביסעל געלד און אויסהאלטען דאס ביסעל אינסטיטוציעס.

דעם אמת מוז מען אבער אנערקענען. אז די איינארדנער פון די דאזיגע אונטערנעהמונגען האבען העכערע ציעלען. זיי זענען פעראנטווארטליך פאר זייערע אינסטיטוציעס, וועלכע ראנגלען זיך מיט'ן קריזיס.

די אונטערשטע שורה ווייזט אבער דעם סך הכל, אז כמעט אלע אימפרעזעס וואס זענען פארגעקומען אין משך פון דער חנוכה וואך, זענען געווען אויסגערעכענט מעהר אויפ'ן חנוכה געלד, ווי פאר'ן חנוכה גופא,

ואלה הם:

זיי דערנענטערען זיך.

צום ערשטען ארויספאהר האבען זיך מקדים געווען אונזערע געבילדעטע יונגע-לייט, די שילער פון יודישען געזעלשאפטליכען גימנאזיום, וועלכע האבען איינגעארדענט שבת צו נאכטס א חנוכה אוונד אין זאל ראזמאיטאשטשי,

דער פראגראם איז געווען זעהר אימפאזאנט און געמאכט א גוטען איינדרוק דער עיקר איז אבער דאס וואס אויף דעם אוונד האט מען בעמערקט, אז די יודישע שילער פיהלען זיך נאהנט איינער צום אנדערען, אז זיי זעהען אז דערווייל איז נאך נישטא די הארמאניע צווישען די שילער פון פערשידענע נאציעס. דער בעגריף, וואס האט לעצטענ'ס אנגעהויבען צו בעהערשען די מחות פון אונזער אינטעליגענץ, אז מען דארף זיך נישט בעגרעניצען אין די ראמען פון נאציאנאליזם, נאר האבען א ברייטען בליק אויף דער וועלט, מען דארף ליעב האבען די גאנצע מענשהייט און נישט שטענדיג ארויסווייזען דעם אייגענעם איך. זענען געקומען די סטודענטען אונרוהען און האבען צושטערט די דאזיגע פריהע צייטיגע חלומות פון אונזער יוגענד, מיר ווילען אייך נישט קאנען, עס איז א בזיון צו האבען יודען אלס פריינד, טענהן די פוילישע סטודענטען און כדי צו בעווייזען, אז זיי מיינען עס ערנסט, האבען זיי מיט די שטעקענס אויף די יודישע קעפ עס אונטערגעחתמעט.

די שטעקענס אויף די יודישע קעפ האבען געהאט זייער פעולה, זיי זענען קלוגער געווארען און האבען אויף א צייט איבערגעריסען מיט זייערע פאנטאזיעס און אנשטאט דעם, ווערען די יודען צווישען זיך ענגער, פריינדליכער און טראכטען צוזאמען וועגען זייערע אייגענע אינטערעסען.

אויף דעם דאזיגען אוונד האט מען עס באלד בעמערקט, עס זענען געקומען יודישע שילער פון כמעט אלע שולען, סיי מלוכה'שע און אויך פון די פריוואטע און האבען זיך צוזאמען געווילט און געווען אין א גוטע הייטערע שטימונג און געקוקט אויף זיך ווי אויף ברידער פון אייגען בלוט און פלייש, וואס פערפליכטעט זיי צו געמיינזאמע מעשים.

יודישע גזלנים...

האט איהר שוין געזעהן ווי אזוי יודען שלאגען זיך? א שאד! איהר האט געדארפט זיין אנוועזענד אויף דעם באקס-מעטש, וואס איז פארגעקומען דעם פערגאנגענעם שבת אוונד (אויך אין חנוכה) אין יוד. טורן-און ספארט-פעראיין, וואו עס האבען זיך צוזאמענגעטראפען די היגע יונגלעך מיט די ווארשאווער באקסער.

עס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאלגענדער פאקט:

צווישען די ווארשאווער באקסער האט פערנומען א גרויסען פלאץ ה' ראסנער, א זוהן פון חיים ראסנער, פרעזידענט פון די יודישע האנדווערקער אין פוילען.

פונקט האט דער צופאל געוואלט, אז ווען דער יונגער ראסנער (דער באקסער) איז געקומען צו פאהרען אויפ'ן מעטש, איז אויך געקומען צו פאהרען חיים ראסנער צו זיינע האנדווערקער און דער טאטע מיט'ן זוהן זענען געפאהרען אין איין וואגאן און ווי מען איז זיך משער, האט דער פאטער אריינגעגעבען אין משך פון דער גאנצער רייזע מוטה דעם זוהן, אז ער זאל זיך האלטען פעסט און נישט חס ושלום זיך פערלירען.

און פאקטיש האט דער יונגער ראסנער געקלאפט דעם רעקארד בעקומענדיג אין מעטש דעם ערשטען פלאץ.

וואס לאזט מיך דאס דאזיגע הערען? אז ווען די עלטערען אנערקענען, אז באקס און בכלל ספארט איז א געווינשענע זאך פאר זייערע קינדער און העלפען זיי צו און געבען זיי מוטה, ווערען די קינדער דערויף שטאלץ און גיבען זיך דערמיט אן מיט התלהבות און דערגרייכען דעם געהעריגען געוואונשענעם רעזולטאט.

איז דאס געווען א מעטש, ווער מיר א שטיקעל גוטס גינט. מען האט זיך טאקע געקיילט אין די פיסקעס, אבער עס איז געווען איידעל, דעליקאט, אזוי צו זאגען פאר יוצא וועגען, עשיו'ס כעס האט מען נישט געזעהן, דערפאר אבער האט מען געהאט א הנאה, ווייל ווען א באקסער האט בעקומען א קלאפ האט ער נישט אזוי וועה געטהון, ווייל ער איז געווען א היימישער, אנ'אייגענער קלאפ.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט דארף מען אבער אויפמערקזאם מאכען אויף א קלייניגקייט, אז די פערוואלטונגס-מיטגלידער פון יודישען טורן-און ספארט-פעראיין, זאלען אביסעל האלטען (זיך) ארדנונג און נישט מיטהעלפען צום כאאס.

ענטשולדיגט מיר ליבע חברים, (איך בין דאס אייערס א מיטגליד) אויף מיין בעמערקונג, איך מיין עס פאר אייער, אונזער טובה'ס וועגען.

אבער דאס איז נאר פערבייגעהענדיג, דער עיקר איז, אז איך האב געהאט א הנאה פון דעם מעטש צווישען די יודישע גזלנים.

אראב פון די בענק...

זונטאג איז פארגעקומען אין דער שטאדט-שוהל א גרויסער קאנצערט, וואו עס זענען ארויסגעטרעטען די ה"ה יוסף באדאש מיט'ן כאר און דער בעריהמטער יונגער פענאמענאלער זינגער איטשעלע טילעס.

איטשעלע טילעס איז א 12-יעהריג יונגעל, א גאט-געבענשטער טאלענט און איז א חד בדרא, נאר צו אונזער גרויס אומגליק פערנאכלעסיגען מיר אזאלכע טאלענטען, וואס וואלטען ביי די אומות-העולם אונטערשטיצט געווארען און פון אזעלכע יונגלעך וואלט געקענט ארויסקומען א קארוזא, שאליאפין, און ביי אונז? ביי אונז פאהרט

דיספאנסערס (בעראטונגס-שטעל).

אזאלכע דיספאנסערס זענען געווען אין פוילען: אין יאהר 1920—נאר 20, אבער שוין אין יאהר 1928 איז זייער צאהל געשטיגען ביז 209.

פון די 209 זענען 8 געפיהרט געווארען דורכ'ן „טאז".

דער טשענסטאכאווער דיספאנסער פון „טאז" איז געפענט געווארען דעם 9 יאנואר 1927. צו יענער צייט איז עס בכלל געווען דער ערשטער דיספאנסער אין דער גאנצער קעלצער וואיעוואודשאפט.

פערגלייכענדיג די טעטיגקייט פון היגען „טאז"-דיספאנסער מיט דער טעטיגקייט פון אנדערע, אויפ'ן יסוד פונ'ם יאהר-בעריכט פון אלפוילישען אנטיטובערקולאז-פערבאנד פאר'ן יאהר 1928 (ערשט ארויס פון דרוק), זעהען מיר בולט דעם ערפאלג, וואס דער היגער „טאז" האט צו פערצייכענען אויך אויף דעם געביעט. אלזא: ביי מעדיצינישע עצות: טשענסטאכאווער „טאז" 1641 (אין משך 1928) גענען 936 פון פוילישען דיספאנסער אין אונזער שטאדט, 213 אין בענדין (אלגעמיינער), 1053 ראדאם (אלגעמיינער) אז"וו.

רענטגען-אויפנאהמען: טשענסט. „טאז"—155 לגבי 208 פון דער גאנצער קעלצער וואיעוואודשאפט מיט טשענסט. „טאז" איינשליסליך לובלין (אלגעמיין)—79, לעמבערגער „טאז" —124, פויזען (אלגעמיין).

ביי באקטעריאלאגישע אונטערזוכונגען (אנאליזען) געפונט זיךדער טשענסטאכאווער „טאז„ אויף די ערשטע פלעצער פאר סאסנאוויץ, לובלין, פויזען אד"ג.

ביי דער צאהל קווארץ-לאמפ בעשטראהלונגען שטעהט דער טשענסטאכאווער „טאז" אויפ'ן ערשטען ארט פאר ווארשא און לאדז. אלזא 8648 לגבי 2199 אין ווארשא (דורך די דיספאנסערען און 6949 אין לאדז.

אגב בעמערקט דער אלפוילישער אנטיטובערקולאז-פערבאנד אין דאזיגען בעריכט, אז נור דער טשענסטאכאווער „טאז" שיקט צו ריכטיגע און פארמעלע בעריכטען.

לייטער פון דיספאנסער איז ה' ד"ר י. ליפינסקי, וואס פיהרט די ארבייט מיט דער הילף פון דער היגיעניסטין פרל. ח. רייכענבאך.

דורכ'ן דיספאנסער זענען אדורכגעגאנגען זייט דעם 9.1.27 ביז'ן 1.12.31 2238 פערזאן; מעדיצינישע הילף איז ערטיילט געווארען אין 8988 פאלען; הויז-בעזוכען דורך דער שוועסטער 4507.

פאר'ן פערלויף פון דער צייט זענען לגמרי אויסגעוועהלט געווארען 133 פערזאן אינ'ם ערשטען סטאדיום פון דער קראנקהייט און 19 ביי וועלכע די קרענק האט שוין געמאכט געוויסע פארטשריט.

אין שפיטעלער און סאנאטאריעס זענען געשיקט געווארען 271.

היינט צו טאג געניסען פון דער הילף פונ'ם דיספאנסער 565 פערזאן, דארונטער 221 קינדער. צווישען די וואס געניסען פון הילף געפונען זיך 334 קראנקע אויף טובערקולאז, די רעשט געפונט זיך נור אונטער אבסערוואציע.

די הילף, וואס ווערט געגעבען דורכ'ן דיספאנסער איז אבער נור א קאנסולטאטיווע, ד. ה. א בעלעהרענדע: מ'לערנט דעם חולה ווי זיך נוהג צו זיין בעת דער קראנקהייט און ווי ס'דארף זיך פערהאלטען די סביבה. דאס אליין איז וועניג, צו דער עצה מוזען צוקומען מעשים. עס מוז עפיס פראקטישעס געטהון ווערען פאר'ן קראנקען און נאכמעהר פאר'ן בעדראהטען און אין דער ערשטער רייהע פאר קינדער, וועלכע קענען צוליעב זייערע לעבענס-בעדינגונגען לייכט אריינפאלען אין דער קרענק.

אלס איינער פון די בעסטע פערהיטונגס-מיטלען ווערט בעטראכט דאס פרעווענטאריום ד. ה. אזא מין סאנאטאריום, וואוהין ס'ווערען געשיקט נישט קיין קראנקע נור קינדער שוואכליכע, אנעמישע און סקראפולאזע.

דער טשענסטאכאווער „טאז" האט דעריבער נאך אין יאהר 1928 געזאמעלט א פאנד אויך צו בויען א פרעווענטאריום אין אלשטין אדער קאמינסק.

די אקציע האט געפונען דעם געהעריגען אבקלאנג ביי די בערופענדע מאכט-ארגאנען, וועלכע האבען פערזיכערט זייער שטיצע און מיטארבייט.

ליידער אבער זענען באלד דערויף אנגעקומען די „מאגערע" יאהרען, דער קריזיס האט געצווינגען די „טאז" פערוואלטונג צו מאכען אלע אנשטרענגונגען בכדי צו דערהאלטען די שוין געשאפענע אנשטאלטען און ממילא געמוזט זיך אבזאגען פון דער זאפארטיגער רעאליזירונג פונ'ם דאזיגען פראיעקט.

י. ראזינער.

צו וואס קאנקורירען?

עס איז א בעוואוסטע זאך, אז דער ספארט, אויף וועלכען מיר לעגען גרויסע האפנונגען אויפ'ן געביעט פון ענטוויקלען א געזונדטען דור און צוליעב דעם פאדערט עס קרבנות, הן אין מאראלישען און הן אין מאטעריעלען זין—איז לעצטענס זעהר געפאלען.

עס איז גענוג נור צו געבען א בליק אין דער ספארט-צייטונג וועגען דער פעראינטערעסירונג לגבי דער אלימפיאדע, וועלכע קומט פאר אין יאהר 1932 אין אמעריקא (לאס-אנדזשעלאס), מצד די פוילישע ספארט-ספערען. אלע שטרייכען אונטער, אז די היינטיגע קריזיס-צייט קען מען נישט שיקען קיין פולען קאמפלעט צו רעפרעזענטירען דעם פוילישען ספארט און אפילו ווען עס וואלטען געווען מיטלען, קען מען נישט שיקען אזעלכע ספארטלער, וועגען וועלכע מען ווייס נישט, אויב זיי וועלען פערנעהמען פאדערשטע ערטער. און דעריבער וועט די פוילישע ספארט-עקספעדיציע זיין זעהר בעגרעניצט.

פרעגט זיך: א מלוכה-רעפרעזענטאנץ וועלכע ווערט אויסגעהאלטען די גאנצע צייט אין פערשידענע „אבאזען", קאסט אב גענוג און אז עס קומט צו אויסערליכער רעפרעזענטאנץ רעכענט מען זיך מיט יא קאנקורענץ און געלד. אבער ליידער ביי אונז יודען און איבערהויפט ביי אונזערע ספארט-ארגאניזאציעס קומט פאר א קאנקורענץ אין דער צייט, ווען אויפ'ן געביעט פון ספארט ווערט קיין קאנקורענץ נישט געפיהרט, נאר אויפ'ן לאקאל-געביעט און דאס לעצטע קאסט אב די היגע ארגאניזאציעס ביז 500 גילדען א חודש.

צי איז טאקי אזוי שווער א פעראייניגונג צווישען די היגע יודישע ספארט-קלובען?

די מוזיקאלישע געזעלשאפט „לירא", וועלכע געפונט זיך אין צוואנגעלישען זאל צוזאמען מיט די עוואנגעליקער, קען יא עקזיסטירען, און צי וואלט אזא „לירא" נישט געקענט געפונען זיך אינאיינעם מיט א „ווארטא" אדער זש. ט. ג. ס. און נישט אויסגעבען גרויסע סומען אויף דירה-געלד, אין דער צייט, ווען דאס אומנוצליכע דירה-געלד וואלט געקענט ווערען בענוצט אויף נוצליכע און נויטיגע מכשירים.

די 3 ספארט-קלובען „ווארטא", „אסכלה", „זש. ט. ג. ס.", בעווייזען יעדער בעזונדער עפיס אויפ'ן ספארט-געביעט. קיין גאנצע ארבייט פון ספארט אין אמת'ן זין פון ווארט פיהרט קיינער נישט (אפשר אביסעל זש. ט. ג. ס. לעצטענס מיט'ן איינפיהרען די מאדערנע ספארט-שפיעלען ווי אויך באקס) און צוליעב דעם קומט שוין ממילא נישט פאר קיין קאנקורענץ צווישען די אויבענדערמאנטע קלובען. וואס דען? לאקאלען. יעדער איינציגער קלוב וויל איבערשטייגען דעם צווייטען מיט א לאקאל, עס האלט שוין אזוי ווייט, אז דער ספארט-קלוב „אסכלה", וועלכער האט נישט לאנג געדינגען א לאקאל דינגט יעצט דעם זאל „ראזמאיטאשטשי".

ווען מען הערט דאס, מיינט מען זיכער, אז די קלובען באדען זיך אין א ים פון געלד, אבער ליידער, די לאקאל-פראגע אין יעדען איינציגען קלוב ווערט געשטעלט פון דעם שטאנדפונקט, אז מיט'ן מאמענט ווען עס ווערט געדינגען א גרעסערער לאקאל פערברייטערט זיך די טעטיגקייט און עס קומען צו מיטגלידער, אבער סוף-כל-סוף געהט אוועק 80 פראצענט פון דער ארבייט בלויז אויף דער לאקאל-פראגע אבער צו אינטענסיווע ארבייט לטובת א פיזיש-ענטוויקלטען דור איז קיינער נישטא. צי וואלט דען נישט גלייכער געווען, אז עס זאל קומען צו א פערשטענדניש צווישען די אלע אויבענדערמאנטע ארגאניזאציעס און מען זאל גרינדען א פעסטע ארגאניזאציע, אריינגעמענדיג אפילו די „לירא" אויך, וועלכע זאל זיין געבויט אויף פעסטע יסודות הן מאראליש, הן מאטעריעל און זאל בעקומען הילף און אונטערשטיצונג פון דער יוד. געזעלשאפט. קיינער וועט שוין דאמאלס נישט האבען קיין תירוצים, אז ער אונטערשטיצט נישט קיין „ווארטא" נור זש. ט. ג. ס. אדער פערקעהרט און דער סוף איז, אז מען אונטערשטיצט נישט קיינעם.

אויב קיין פאליטישע אנשויאונגען שיידען נישט די אויבענדערמאנטע ארגאניזאציעס טא פארוואס זאל נישט קומען צו א פעראייניגונג. עס וועט דאך דאמאלס זיין גרינגער צו קעמפען פאר סובסידיעס צי פון דער גמינע, צי פון שטאדטישען קאמיטעט פאר פיזישער ערציהונג.

עס איז יעצט ווינטער, ווען מעהרסטענטייל ווערט די ארבייט געפיהרט אין לאקאל, כדי צוצוגרייטען צום זומער-סעזאן. קיינעם איז נאך נישט בעוואוסט ווי עס וועט אויסזעהן דערנאך און צי די גאנצע ארבייט וועט נישט געהן לאיבוד, ווייל עס איז דורך אין אלגעמיין א ירידה אין ספארט, אבער ביי א פעראייניגונג, אויב זי וועט קומען און קומען מוז עס, וועט מען אלץ צוריקגעווינען, הן יוגענד פאר'ן ספארט און הן די געזעלשאפט פאר דער יוגענד.

גענוג שוין פערזענליכע אמביציעס, גענוג שוין בענקלעך פאר יעדען בעזונדער; זאלען מיר, די יוגענד, געבען א ביישפיעל דער עלטערער געזעלשאפט, אז ווען עס נויטיגט זיך א פעראייניגונג שטעלען מיר אוועק די פערזענליכע אמביציעס.

צו וואס קאנקורירען?

חיים בירענהאלץ.

הירש גאנצוויך.

דער שוואכער...

(א בילדעל.)

תמיד פלעגט פרוי ר., ארויסגעהענדיג שפאצירען מיט איהר מאן, איהם האלטען אונטער'ן ארעם. דער מאן איהרער א לעהרער פון פאך נאך פון ניקאלייס צייטען, א קרענקליכער מענש קוים זיך געהאלטען אויף די פיס. זי, דאס ווייב זיינס דאגעגען, כאטש נישט פיעל יונגער, דאך א גאנצע אריסטאקראטקע, אלע מאל אין א הוט, מעשה עלעגאנטקע—און דערצו נאך א געזונטע, א בריה. געלעבט צווישען זיך בשלום, האבען זיי געפיהרט „א שולע". וואו ס'האבען זיך געלערנט יודישע קינדער. אייגענטליך איז דער מאן געווען דער גאנצער „כל ולך". נישט מעהר, ווען ער האט אנגעהויבען צו קרענקען, נישט פיהלענדיג זיך בכח אליין צו ארבייטען, פלעגט די פרוי איהם אונטערהעלפען. קיין קינדער האבען זיי נישט געהאט — און וועמעס שולד? — וועגען דעם קיינמאל נישט געטראכט.

שכנים פלעגען זאגען: א גליק, וואס ער האט אזא אשת-חיל, אזא בריה'טע —ווען נישט, וואלט אזא שוואכער מענש גארנישט לאנג אויסגעהאלטען... פלעגט ער זיך נישט גוט פיהלען, האט באלד זיין פרוי געארבייט מעשים, ביז זי האט איהם ווידער געשטעלט אויף די פיס.

מאכט זיך אמאל אנ'אומגליק — די פרוי בעקלאגט זיך, אז עפיס פיהלט זי זיך נישט ווי אמבעסטען. לויפט דער שוואכער מאן בארגען א טערמאמעטער און באלד ווייזט ער א הויכע טעמפעראטור. חייסט עס: דעם מאגען פערדארבען—האט ער גע'פסק'ענט—ווי תמיד ביי מיר. נישט אנדערש, ווי נעהמען ריצינאייל, דאס בעסטע מיטעל...

דער דאקטאר, וועלכען מ'האט צומארגענס געמוזט רופען, האט געהייסען דעם קראנקען איבערפיהרען אין שפיטאל—נישט אזוי פשוט ווי ר. האט געמיינט: ריצינאייל ביים פאל פון „בלינדארם" איז זעהר געפעהרליך...

— — — — — — —

צוריקגעהענדיג פון דער לויה האט ר. זיך געשלעפט ווי א שאטען, צובראכען פיזיש, כמעט ווי א מת אויסגעזעהען. די פרויען און מיידלעך האבען געפרעגט: וואס וועט ער איצט טהון? קיין קינד, קיין רינד, קיין פרוי, אליין א קראנקער, א שוואכער, וואס וועט ער איצט, נעבעך, טהון?... יעדער פערשטעהט צו בעדויערען איהם, אבער העלפען קען איהם קיינער נישט...

איין פרוי חאט אויף זיך גענומען די מיסיע אריינצוטראגען דעם ה' ר. דאס ערשטע אוועגד-ברויט. ווי ערשטוינט איז זי אבער געבליבען, ווען אנקלאפענדיג אין טהיר מיט'ן קיישעל עסען, האט דאס דינסט-מיידעל, וועלכע האט די טהיר געעפענט, אנשטאט צונעהמען דאס עסען, ערקלערט: דער הער האט שוין געגעסען און זיך געלעגט שלאפען, זעהר מיעד געווען פון היינטיגען פארפאל...

דאס דינסטמיידעל, וועלכע האט געטריי געארבייט ביי דעם ה' ר. עטליכע יאהר, אליין אלט שוין איבער דרייסיג יאהר, האט לאנג נישט געקלערט, ווען ר. האט איהר פארגעשלאגען מיט איהם חתונה צו האבען. ביי דער ערשטער יאהרצייט נאך זיין פרוי, איז דאס געבוירענע יונגעלע שוין אלט געווען דריי חדשים. דער שוואכער ר. איז מיט דער צייט יונגער און געזונטער געווארען...

און ביידע צוזאמען האבען געזארגט פאר'ן גורל פון א נייער גענעראציע — —

זאוויערטשע.

ער ארום איבער שטעדט און שטעדטלעך און דאוונט (אויב דער גבאי בעוויליגט איהם צו געבען א שוהל) א מעריב'ית אין א שוהל, וואו דער עולם קומט איהם הערען אומזיסט.

דער איטשעלע טילעס האט דעם פערגאנגענעם שבת-חנוכה געדאוונט אין דער שוהל „אהל יעקב". די מתפללים זענען געווען אזוי בעגייסטערט, אז זיי האבען, נישט קוקענדיג אויף דער קריטישער צייט, מנדר געווען פאר איהם א היבשע סומע.

אונזער שטאדט-חזן ה' באדאש האט אויסגענוצט די געלעגענהייט וואס דאס חזנ'דל איז געווען אין טשענסטאכאוו און איינגעארדענט א בשותפות'דיגען קאנצערט אויף זונטאג 5 א-זייגער נאכמיטאג.

די גאנצע גאס ארום דער שוהל איז געווען בעלאגערט פון טויזענדער מענשען, וואס האבען געוואלט הערען דעם קאנצערט, נאר געצעהלטע מענשען האבען אבער געקויפט בילעטען איז געווארען א געדראנג און א שטופעניש, ביז מען האט אויפגעריסען די טהירען און מען האט זיך אריינגעריסען אין דער שוהל אריין (נישט שייך צו זאגען: יודען האבען ליעב נגינה מיט סכנות-נפשות) ביז זי איז פול געווארען איבער די ברעגען. אונזערע אחינו בני ישראל האבען אבער פיינט צו שטעהן פונדערווייטענס, האבען זיך אלע געשטיפס נעהנטער צו דער בימה, זיי האט אבער געשטערט דער גבאי מיט'ן שמש, וועלכע האבען געהאלטען אין איין שרייען: אראב פון די בענק! דער עולם איז אפילו וויניג נתפעל געווארען פון די בעפעהלען, דערפאר אבער האבען זיך די קאנצערט-געבער יא דערשראקען און זיך געהאלטען אין איין אומקוקען, אזוי, אז עס איז געווען ריין-יודישליך...

איינס צום אנדערן קומט אבער נישט, דער קאנצערט איז געווען א פיינער און יודען האבען געהאט א עונג-חנוכה.

לכבוד חנוכה.

אויך די נייע סינאגאגע האט איינגעארדענט א פייערליכען חנוכה-ליכטעל פאר דעם יודישען עולם גאנץ אומזיסט און ר' משה וואגא, דער נייער קאנדידאט אויף חזן, האט געצינדען און געדאוונט א מעריב'ית און דערביי האבען מיר אויסגעהערט א רעדע פון דר. הירשבערג וועגען דער בעדייטונג פון חנוכה.

גאר פייערליך זענען די חנוכה-פייערונגען פארגעקומען ביי די קינדער פון די

פאוושעכנע שולען

ליידער האב איך נישט געקענט זיין אויף די אלע פייערונגען, וואס זענען פארגעקומען, אבער דארט וואו איך בין יא געווען, האב איך אדורכגעלעבט אנגענעהמע שעה'ן.

אין דער פאוושעכנע שולע נומער 12 האבען די שילער איינגעארדענט קינדער-פארשטעלונגען שבת און זונטאג.

עס איז געווען באמת א נחת צו קוקען, ווי אזוי די שול-קינדער לעזען רעפעראטען וועגען דער בעדייטונג פון חנוכה און דערביי דערצעהלען זיי וועגען גרויסען נס, וואס האט געטראפען אמאל דאס יודישע פאלק.

דאן קומען פאר פערשידענע פערווייזונגס-נומערען מיט פארשטעלונגען וואס מאכט א גוטען איינדרוק.

די קינדער-וועלט איז דאס איינציגע ארט, וואס מאכט פערגעסען אין דעם גרויען, וואכעדיגען לעבען מיט זיינע זארגען און מיאוס'קייטען.

דעם אמת זאגענדיג האב איך זיך דארט צווישען די קינדער געפיהלט אמבעסטען און כ'האב באמת הנאה געהאט פון די קינדערשע פארשטעלונגען, וואו ס'האט געשפראצט מיט קינדערשע נאאיוויטעט און תמימות.

אזעלכע פארשטעלונגען און חנוכה-פייערונגען זענען פארגעקומען כמעט אין אלע פאוושעכנע און פריוואטע שולען.

אימפאזאנט און גראנדיעז איז געווען די פארשטעלונג און דער באל ביי די קלענסטע פון די קליינע, ביי זיי קינדער פון דער

אכראנקע

איך בין זיך מודה, אז איך קען נישט ארויסברענגען מיט דער פעדער די איינדריקען און איבערלעבונגען, וואס איך האב, בעת איך קוק זיך צו צו די פייערונגען, וואס עס ארדנען איין די פיצינקע, ברעקעלעך, אונזערע קליינע, ארימע קינדערלעך.

אין די הערליכע זאלען פון דער אכראנקע זענען פערזאמעלט עטליכע הונדערט קינדערלעך. פון וואנען האט זיך אין זייערע אויגעלעך גענומען אזא הייליגער פלאם, עפיס ווי מלאכים זעהען זיי דאך אויס און זיי, די דאזיגע קינדערלעך, זיי האבען דאך אינדערהיים נישט צו עסען צו דער זעט, זיי הונגערן דאך כמעט און דא אין קינדערהיים ווערען זיי ווי איבערגעביטען.

אבער זאלען מיר בעסער קוקען די פארשטעלונגען. דאס מיידעלע רוזשא בראקמאן שטעלט פאר א פאיאץ, איהר טאנצען, איהר האלטונג איז ווי פון א טאלענטירטע, פעהיגע, געשולטע ארטיסטין, דאן די איבריגע בילדער, דער רבי מיט די שמשים, אנדערע קינדערישע נומערען, אלץ איז דאך אזוי ציכטיג און זארגפעלטיג, די ביהנע זעהט דאך אויס ווי א פאנטאסטיש מעשה'לע, ווי עס שוועבען דארט ארום מלאכים און זינגען שירה.

די קינדער אין זאל זיצען מיט א פערכאפטען אטעם און קוקען זיך צו צו דער סצענע און אויך זיי ווערען מיטגעריסען, זינגען מיט די לידלעך און זיי איז דאמאלס אזוי גוט... זיי פערגעסען אין דעם צוקנייטשטען געזיכט פון זייער פערהארעוועטען פאטער און די קרעכצען פון דער מוטער און עס וואלט זיך זיי נעוואלט שטענדיג פערבלייבען אין דער שולע.

איך קוק אויף דער סצענע, איך קוק אויף די קינדערלעך און נישט וויסענדיג פארוואס, הויבען מיר אן רינען טרעהרען פון די אויגען... נישט בלויז איך, נאר אפילו דער עלטערן-קאמיטעט וואס האט איינגעארדענט דעם יום-טוב און בעשטעהט פון „עמך", וואס זענען א גאנץ יאהר פערהארעוועט מיט דאגות פרנסה, אויך זיי זענען יום-טוב'דיג, ליעבליך און גרייט מוחל צו זיין פאר די עוולות, וואס מען טהוט זיי.

אויך די פרויען ווירזביצקא, וואלבערג א"א, צוזאמען מיט'ן לעהרער-פערסאנאל, שטראהלען פאר פרייד.

שווער זיך אבצורייסען פון דארט. מיין חבר שיפער, וואס האט מיט מיר צוזאמען בעזוכט די פארשטעלונג איילט זיך, ווי געוועהנליך, אבער מיינע פיס דינגען מיר נישט, איך וואלט געוואלט, אז דער קינדער-יום-טוב זאל זיך קיינמאל נישט ענדיגען.

ניין, מיין פריינד, איך קען נישט געבען קיין גענוי בילד פון די געפיהלען, וואס איך האב איבערלעבט אויף דעם קינדער-יום-טוב, מיין פעדער איז דערצו צו שוואך. איין זאך איז אבער קלאר, אז אזאלכע יום-טובים פערגעסט מען קיינמאל נישט.

לויתן

א זעהר וויכטיגע אינסטיטוציע.

(צו דער בענייאונג פון דער אינפארמאציע-ביורא אין תל-אביב).

אין היינטיגען נומער געפונען די לעזער א בעקאנטמאכונג אין העבראיש וועלכע מיר האבען בעקומען צוגעשיקט פון רער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ארץ-ישראל, וועגען דער בענייאונג פון דער אמאל עגזיסטירענדער אינפארמאציע-ביורא אין תל-אביב.

אין דעם ביילגעדען בריעף ערקלערט מען אונז די גרויסע וויכטיגקייט פון דער דאזיגער ביורא, וועלכע וועט שטעהן אין קאנטאקט מיט אלע עקאנאמישע,ווירטשאפטליכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס אין א"י, און וועט דערייבער האבען די מעגליכקייט צו ערטיילען די ריכטיגסטע און נויטיגסטע אינפארמאציעס אויף אלע געביטען וואס זענען נוגע דעם יודישען ישוב אין לאנד.

עס איז א בעוואוסטע זאך, און דאס האט אונז אויך בעוויזען די ערפאהרונג אז פיעל עולים וואס זענען געקומען קיין א"י און האבען דארט איבערגנומען געוויסע אונטערנעהמונגען האבען נישט געלונגען, צוליעב דעם ווייל די דאזיגע מענשען האבען נישט געהאט פריהער די פאר זיי נויטיגע עלעמענטארע ידיעות וועגען דעם שטאדטישען און דארפישען לעבען, וועגען דעם מצב פון מסחר און פאבריקאציע, און בכלל וועגען דער צווייג מיט וועלכער זיי האבען זיך געזאלט בעשעפטיגען אין א"י, און דעריבער זענען פיעל אדורכגעפאלען און געשרויכעלט געווארען אויפ'ן וועג.

אזא אינפארמאציע-ביורא האט עגזיסטירט ביז די טרויעריגע געשעהענישען אין אויגוסט 1929 ווען זי האט זיך געשלאסען און איצט איז פערשטענדליך אז עס פיהלט זיך נאך א גרעסערע נויטווענדיגקייט אין דער דאזיגער אינסטיטוציע.

יעדער יוד אין אלע גלות לענדער וואס וועט זיך ווענדען אין דער ביורא נאך א וועלכער ס'איז אינפארמאציע אין וועלכער צווייג פון ערד-ארבייט, האנדעל, אינדוסטריע, וועט בעקומען אומזיסט א גענויע אינפארמאטיווע אנטווארט אויף וועלכער ער וועט זיך קענען שטיצען מיט דער פולער זיכערקייט, און דערפאר ווייל דאס איז נישט קיין פריוואטע אונטערנעהמונג נאר זי איז געשאפען און עקזיסטירט דורך דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין א"י.

די ענטפערס וועלען זיין גרונדליך, קלאר און וועלען אלזייטיג בעלויכטען די פראגע, וואס האט געשטעלט ווערען.

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אז די דאזיגע זעהר וויכטיגע אונטערנעהמונג וועט דורך אלע יודען בעגריסט ווערען און וועט זיי ברענגען דעם גרעסטען נוצען.

די גראנדיעזע חנוכה-פייערונג פון יודישען גימנאזיום.

מוצאי-שבת איז פארגעקומען א חנוכה-פייערונג איינגעארדענט דורך דער זעלבסט-הילף ביים יודישען גימנא-יום. די ארגאניזאטארען האבען זיך, ווי ווייט מעגליך די מיה געגעבען, כדי איינצושאפען דעם יודישען עולם א נחת-רוח.

א ריכטיגען עונג האבען זיי געהאט, די, וואס האבען עס בייגעוואוינט.

ווי עס איז געווען פאראויסצוזעהען, האט די פייערונג ארויסגערופען דעם געהעריגען אינטערעס. צו דער פולער וואך האבען זיך מענשען נעוואלט צעשטרויען, זיך פערגעסען אין געגאנגען שעפען נחת פון דעם יונגוואָרג. אין די היינטיגע דאגות'פולע צייטען איז דאך צוא ביסעל פערגעניגען ... א ועל-טענהייט, טא פארוואס עס נישט אויסנוצען.

אנ'אונגעהויערער ערפאלג געווען. ס'האט זיך געטהון אויף טיש און אויף בענק. דער זאל איז געווען איבערפולט ביז איבער די ברעגעס. א גרויסער טייל מענשען האט בחרפתם געמוזט אוועקגעהן צוליעב מאנגעל און פלאץ.

דאס יונגוואָרג האט טאקע געוויזען וואס עס קען.

אנגעהויבען האט עס זיך מיט דער טראדיציאנעלער הדלקת הנרות און רער כאר זינגט מעוז צור.

ביים שיין פון די ליכט האלט א רעדע אין העבראיש שילער פון אכטער קלאס ל. קורלאנד. א געלונגענע און זאכליכע רעדע אויף דער טעמע: „חנוכה דער דאפעל-יום-טוב", אין צוזאמענהאנג מיט דעם בעפארשטעהענדען 50-יעהריגען יובל פון חיבת-ציון בעוועגונג. ער פיהרט א פאראלעל צווישען די אלטע מכבעער און די נייע, די בני-בילו.

דאן ווערט געגעבען דאס מייסטערשטיק „יודישע" (יהודית). עס איז א דיכטערישע בעארבייטונג פון דער חנוכה-לעגענדע וועגען יהודית און העלאפארנעס, פון דעם דייטשען דראמאטורג העבעל.

העלאפארנעס, נבוכדנצר'ס שר בעלאגערט די שטאדט בית-אילא (בית-אל?). נישט קענענדיג לייכט איינגעמען די שטאדט נעמט ער זיך צו אזא מיטעל; ער שניידט אוועק די וואסערן, פערסמ'ט די ברונעמס, וויל נעמען די איינוואוינער מיט דורשט און הונגער. יהודית א אונשולדיגע שעהנע פרוי בעשליס צו רעטען איהר פאלק אין וואס איהר שעהנהייט איז איהר בייהילפליך. אין דעם בלוט-דורשטיגען שר וועקט זי די ליעבע צו זיך דורך אינטריגען.

יהודית שטעלט אין קאן איהר עהרע און אונשולד, דענקענדיג אן איהר פאלק, און אט ווערט די שוואכע פרוי א העלדין. ווען האליפארנעס שלאפט ביינאכט, איינשטילענדיג זיינע ליידענשאפטען, האקט איהם יהודית אב דעם קאפ מיט זיין אייגענער שווערד.

די שילערין סאלא פעלץ, אלס יהודית, האט געשפילט אויסגעצייכענט, מיט פיעל איבערגעבענהייט און פערשטאנד, ארויסווייזענדיג פיעל ארטיסטישען טאלענט.

שילער ה' דזיאלאשינסקי האט זעהר גוט אהערגעשטעלט די געשטאלט פון העלאפארנעס. ס'איז אויך ווערט צו פערצייכענען די געשטאלט פון מישא, יהודית משרת, אויסגעפיהרט דורך דער שילערין קאטליצקע.

א הערצליכער יישר-כח קומט דעם פראפ. גרינבערג אלס רעזשיסער. ס'האט זיך געהאט דעם איינדרוק. ווי מ'וואלט געזעסען אין אנ'ערשטקלאסיגען, גוט איינשטודירטען טעאטער. דאס איז זיכער דעם רעזשיסער'ס פערדיענסט, וואס ער האט פון צווישען די שילער ארויסגעזוכט אזעלכע קרעפטען, און נישט קוקענדיג דערויף וואס ס'ווערס געשפיעלט אזא ערנסט זאך, האט דאס שפילען געהאט א הויכען ארטיסטישען ווערט.

דערנאך שפיעלט דער סימפאנישער גימנאזיום ארקעסטער, דאן דער מיידעלשער מאנדאלין - ארקעסטער. עס זינגט דער כאר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט פראפ. זאקס—אויסגעצייכענט.

דאס גאנצע—זעהר אימפאזאנט. עס האט געמאכט אויף יעדען א זעהר שטארקען איינדרוק.

דערנאך כאפט יונגוואָרג א טענציל ביז פארטאגס.

די הינטערשטע שורה; ביידע צדדים זענען אהיימגעגאנגען שטארק צופרידען; דער עולם ערשעפט מיט טיעפע איינדרוקען פון דער פייערונג און די ארגאניזאטארען... אויך.—

יל"ק.

לאזט נישט אונטערגעהן די „מחזיקי הדת".

מיר האבען שוין פיעל מאל אנגעוויזען, אז די היגע תלמוד-תורה „מחזיקי הדת", אין וועלכער עס לערנען ביז 400 ארימע קינדער און פיעל יתומים געפונט זיך אין א זעהר שווערער פינאנסיעלער לאגע, צוליעב דעם וואס עס האבען זיך אויסגעלאזט די שטיצע פון מאגיסטראט, אויך פון אמעריקא פלעגען פון צייט צו צייט אנקומען געוויסע סומעס, וועלכע קומען נישט מעהר און די דאזיגע וויכטיגע אינסטיטוציע שטעהט פאר דאס געפאהר, אז זי זאל זיך דארפען שליסען.

די פערוואלטונג פון „מחזיקי הדת" האט דעריבער ארויסגעלאזט א אויפרוף, אונטערגעשריבען אויך דורך דעם היגען רב שליט"א, אין וועלכען ער אפעלירט צו דער היגער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע זאל זעהען מיט אלע מעגליכקייטען צו אונטערשטיצען דעם דאזיגען איינציגען אין אונזער שטאדט, לעהר-אנשטאלט און ס'איז צו האפען, אז די היגע יודען, וועלכע גיבען נאך געלד פאר אזאלכע לעהר-אנשטאלטען אין אנדערע שטעדט, וועט געוויס נישט דערלאזן, אז די ת"ת זאל זיך מוזען שליסען צוליעב געלד און יעדער וועט מיט אלע מעגליכקייטען מיטהעלפען צו איהר ווייטערער עקזיסטענץ.

א גרויסע אמאטארען-רעווי לטובת די יודישע אכראנקעס.

דעם 19 ד. ח. שבת אווענד, קומט פאר א גרויסע אמאטארען-רעווי לטובת די היגע יודישע אכראנקעס, וועלכע געפונען זיך אין א זעהר שווערען מאטעריעלען צושטאנד.

דער דאזיגער אנשטאלט איז ביי אונז אין שטאדט גענוג בעקאנט און פאפולער, אלע ווייסען, אז דארט ווערען אויסגעהאלטען ביז 260 ארימע קליינע קינדערלעך, וועלכע ווערען דארט ערצויגען און געפלעגט און עס איז קיין ספק נישט, אז דער דאזיגער אנשטאלט דארף אומבעדינגט דורך דער היגער יודישער בעפעלקערונג אונטערשטיצט ווערען מיט אלע מעגליכקייטען.

אין דער רעווי בעטייליגען זיך די בעסטע כחות פון די היגע ארטיסטישע און מוזיקאלישע כחות.

די פארברייטונג צו דעם ארויסטריט דויערט גאנצע 2 חדשים און זאגט צו צו זיין זעהר אימפאזאנט.

פון „טאז".

זונטאג אווענד (6 א זייגער אין ערשטען און 7 אין צווייטען טערמין) וועט פארקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „טאז".

די פערזאמלונג האט ארויסגערופען די געהעריגע פעראינטערעסירונג און וועט צוצוהען א גרויסען עולם.

די פערוואלטונג פון „טאז" בעט אויפמערקזאם צו מאכען אויף דעם טעות הדפוס ביים אבדרוקען דעם יאהר-בעריכט, וואו ס'איז אדורכגעלאזט געווארען צווישען די פערוואלטונגס-מיטגלידער ה' דר. קאניעצפאלסקי.

דר. קאניעצפאלסקי איז אויסער פערוואלטונגס-מיטגליד אויך פארזיצער פון דער וויסענשאפטליכער סעקציע באם „טאז".

פון דער געז. פאר לאנדוויסענשאפט.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן איבערציהען זיך אין נייען לאקאל, קאשטשושי 16, איז די פערוואלטונג צוגעטרעטען איינצוארדנען א רייהע פארלעזונגען אויפ'ן געביט פון לאנדוויסענשאפט. די פארטזעצונג פון דער אינטערעסאנטע טור און איינדרוקען איבער די פראנצויזישע קאלאניעס פון צפון אפריקא, וועט האבען פרייטאג, דעם 11 ד. ח. 9 אווענד אין לאקאל פון דער געזעלשאפט, פראפ. ל. וויינשטאק, אילוסטרירט אין פילם-בילדער.

איינגאנג פאר מיטגלידער און סימפאטיקער..

פון דער געז. פריינד פון „ייווא".

פויריגע וואך איז אין לאקאל פון דער יודישער לאנדקענטניש-געזעלשאפט פארגעקומען א גרינדונגס - פערזאמלונג פון אנ'ארטיגער גרופע פון דער געזעלשאפט פריינד פון יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע.

אין דער פראוויזארישער פערוואלטונג זענען אויסגעקליבען געווארען די ה"ה: פרעזעס י. ראזענבערג, צאהן-ארצט ה. לייזעראוויטש, אינזש. ה. ווילטשינסקי און ד. וואטענבערג.

„די ריכטער"—דורכ'ן דראמאטישען קרייז ביים „טאז".

נאך א לענגערער הפסקה און אינטענסיווע פארבערייטונגען פון דראמאטישען קרייז ביים „טאז" קומט פאר קינפטיגען פרייטאג דעם 18-טען ד. ח. אין קאמעראל-טעאטער דער איניוגוראציע-אויפטריט פונ'ם היידיגען יאהר מיט א „וויספיאנסקי-אווענד", ביי דער בעטייליגונג און רעזשי פונ'ם בעקאנטען לעזשיסער פון פוילישען שטאדטישען טעאטער ה' א. פיעקארסקי.

ס'ווערט געגעבען „די ריכטער" — מייסטערהאפטע שילדערונג פון וויספיאנסקי'ן וועגען יודישען לעבען אין פוילען אין דער דאמאלסדיגער צייט.

דער דאזיגער אווענד האט צוליעב זיין קולטורעלען ווערט ארויסגערופען אין די היגע בעסערע יודישע קרייזען א שטארקען אינטערעס.

הסתדרות הציוננים הכלליים בא"י

לשכה לאינפורמציה

תל-אביב רחוב ליליענבלום מספר 40 תלפון מס' 141

הועד הארצי להסתדרות הציונים הכלליים המאוחדים בא"י, מחדש את פעולות הלשכה לאינפורמציה, שהיתה קימת בתל-אביב.

הנסיון הרב משנות העליה ומחיי המציאות בארץ הראה לנו, שלרוב העולים והמתישבים חסרות הידיעות האלמנטריות ביותר בדבר תנאי החיים בארץ בכלל, וביחוד בדבר תנאי ההתישבות החקלאית והעירונית, מצב התעשיה והמסחר וכו'. חוסר הידיעות הללו שמש במדה ידועה גורם לכשלונות ולאי הצלחתם של מפעלים רבים.

כדי למלא את החסרון הזה החליטה הסתדרות הציונים הכלליים המאוחדים בא"י לחדש ולפתוח שוב את הלשכה לאינפורמציה.

הלשכה תענה לכל הפונים אליה בכתב ובעל פה בכל השאלות הנוגעות לחיי ארץ ישראל: לחקלאות ולפרדסנות, להתישבות העירונית, למסחר ולתעשיה בכל ענפיהם השונים, בדבר תקנות העליה לארץ וכו' וכו'.

חבר מומחים עומד לשרותה של הלשכה לאינפורמציה, וכל שאלה תבחן באופן יסודי ומקיף.

שרות הלשכה לאינפורמציה נתנת חנם.

עבודת הלשכה במשך זמן קיומה הקצר עד מאורעות אוגוסט 1929 וההד שמצאה בכל תפוצות הגולה מעידים על הנחיצות שבה- ונותנים יסוד לקוות, שהיא תמלא תפקיד השוב למדי בחדוש העליה ועבודת ההתישבות בארץ.

הועד המנהל של הלשכה

אדריסה:

Organisation of Central Zionist in Palestine
INFORMATION OFFICE Tel Aviv Lilienblum street № 40

KLISZE DO DRUKU
CYNKOGRAFICZNE
„GRAFIKA"
PLAKATY KATALOGI CENNIKI ETYKIETY
RYSUNKI REKLAMOWE PRZEZROCZA KINOWE
Wallenberg
ALEJA 39

ד"ר חיים פאלק.

צו אונז אין שטאדט איז געקומען א יודישער דאקטאר ה' חיים פאלק, ספעציאליסט פון נאז, האלז און אויערען-קראנקהייטען.

ד"ר פאלק איז בעקאנט פון דער ווילנער יודישער אקאדעמיקער - היים אלס א יודישער אינטעליגענט, וואס נעמט אנ'אקטיווען אנטייל אין די יודישע ליידען און פריידען. מיט איין ווארט: דאס יודישע טשענסטאכאוו נעווינט אין איהם אנ'איבערגעבענעם אינטעליגענט און פאלקס-מענש צוגלייך.

ד"ר פאלק ארבייט אויך אין „טאז"-פאווילאן ביים שפיטאל דינסטאג און פרייטאג פון 11 ביז 12 פארמיטאג.

א בריעף אין רעדאקציע.

אלס ענטפער אויף דעם בריעף אין „טשענסטאכאווער צייטונג" נר. 49 פון פראפעסיאנעלען שניידער ארבייטער-פעראיין שטעלען מיר פעסט פאלגענדעס:

1) עס איז אמת, אז מיר האבען מיט'ן פראפ. פעראיין אבגעהאלטען א קאנפערענץ, וועגען אבהיטען דעם 8 שעה'דיגען ארבייטס-טאג, וועלכער איז פערפליכטעט לויט'ן געזעץ.

מיר האבען אבער ביי דער געלעגענהייט אויפמערקזאם געמאכט, אז דעם 8 שעה'דיגען ארבייטס-טאג דארפט מען אויך איינפיהרען אין די קריסטליכע ווארשטאטען פון דאמען בעקליידונג, אנדערש וועט דאך זיין א קאנקורענץ, ליידער איז עס אבער ביז'ן היינטיגען טאג נישט ערלעדיגט געווארען, ווארום די יודישע ארבייטער זענען העלדיש דאמאלס ווען עס האנדעלט זיך נאר ביי יודישע מייסטערס.

2) עס איז א שקר, אז עמיצער פון די מייסטערס זאלען האבען בעגאסען עמיצען פון די קאנטראלערס מיט הייס וואסער.

3) מיר מאכען אויפמערקזאם, אז מיר וועלען נישט טאלערירען צו קומען קאנטראלירען אין די ווארשטאטען און שטערען די ארבייט און די רוהה פון אונזערע מיטגלידער דורך נישט בערופענע מענשען.

4) מיר דערקלערען עפענטליך, אז מיר וועלען ביי קיין פאל נישט ערלויבען צו קומען קאנטראלירען אין די ווארשטאטען, דען אויף דעם ערלויבט אויך נישט דאס געזעץ.

מיט אכטונג
יודישער שניידער-צעך
אין טשענסטאכאוו.

אלע אויף דער „נאכט אין תל-אביב"

קליינער פעליעטאן.

מיין טיעפסטען מיטגעפיהל . . .

די הענד האבען זיך אויסגעצויגען צום נייעם פרעזעס ה' יעקב ראזענבערג און איהם געוואונשען מזל-טוב.

איך אבער האב געהאט אנ'אנדערע מיינונג. נישט קיין מז"ט דארף מען איהם ווינשען, נאר מען דארף איהם אויסדריקען מיטגעפיהל. יא, א רחמנות נעמט ארום אויף דעם ארענטליכען מענש, וועלכער איז זיך געזעסען עטליכע יאהר כסדר גאנץ רוהיג ביי זיין בעשעפטיגונג און פון צייט צו צייט צוגעווארפען א נדבה אינטערדריקטע און דאס אלץ איז פארגעקומען שטיל אהן רעש. קיינער האט נישט געוואוסט און מען האט וועגען דעם נישט גערעדט.

איצט אבער, ווען ער איז געווארען פרעזעס פון דער יודישער קהלה, אין דער שטאדט טשענסטאכאוו, איז ער אין אלעמענס מיילער. יעדער ווער עס וויל, וויצעלט זיך אויף זיין חשבון און דער עיקר, קיינער דערמאהנט איהם נישט זיינע מעלות. נאר מען זוכט איהם דוקא אויס חסרונות און אויב מען געפינט נישט, טראכט מען זיי אויס און מען זידעלט איהם און מען בענשט איהם מיט געזאלצענע ברכות...

וואס אייגענטליך האט דען דאס איהם געטויגט? וואס איז די מציאה צו זיין א פרעזעס ביי יודען און דערצו פון א יודישער קהלה. וואס פאר א נחת קאן מען דארט דערלעבען?

לויט די לעצטע פעראָרדנונגען וועגען די קאמפעטענצען פון דער יודישער קהלה, האט זי נאר די אויפגאבע צו בעזארגען די יודישע בעפעלקערונג מיט רבנים, שוחטים, מקוה, און יא, בעגראבען יודען מעג אויך. ווייטער טאר זי גארנישט טהון און די דאזיגע פונקציעס, מוזען אדורכקאנטראלירט און ערשט בעשטעטיגט ווערען דורך דער אויפזיכטס-מאכט, טא וואס פאר א נחת קאן מען דערלעבען פון דער קהלה?

דאן שטעלט אייך פאר, אז דאס ביסעל נצרכים, דער גרויסער יודישער דלות אין אלע זיינע פארמען וועלען געוואהר ווערען, אז עס איז דא א נייער פרעזעס, א „פריץ", וועלכער קאן זיך נאך נישט אויף די אלע „טריקען" און ביי וועלכען דאס הארץ איז נאך נישט פערשטיינערט (ווארים א פרעזעס פון א יודישער קהלה מוז זיין הארט ווי א שטיין, אנדערש, וואלט ער קיין איין חודש נישט אויסגעהאלטען) און וועלען איהם אנהויבען צו בעלאגערן, יעדער מיט זיין פעקיל צרות, דעם פעהלט א דירה, דער האט א טאכטער חתונה צומאכען, ווילען קראנקע אוועקשיקען אויף קוראציע אויפ'ן חשבון הקהל. מאלע, וואס פאר א צרות יודען האבען און אלץ אין פרעזעס קאפ אריין, אלע צו איהם און דער פרעזעס איז דאך נאך א יאלד, א פרישער, קאן מען דאך אנהויבען אויף דאס ניי.

און באלד וועט מען געוואויר ווערען וואו דער נייער פרעזעס וואוינט און מען וועט איהם אבווארטען אויף מיטאג, אזוי, אז ער וועט נישט האבען מעהר קיין מנוחה, נישם בייטאג, נישט ביינאכט.

איצט ביי וואסערע בעדינגונגען וועט איהם אויסקומען צו ארבייטען? אז מען האט געגען זיך אנ'אפאזיציע, וועלכע האט געשוואוירען נישט צו לאזען רוהיג ארבייטען. און כידוע, איז יענעם צו שטערען די לייכטסטע ארבייט. פערקעהרט, זעהט איהר, ארבייטען איז זעהר שווער, כאטש, צווישען אונז זאל עס בלייבען, איז עס ווערט א לאבזע, ווארום אז מען ארבייט געטריי און עהרליך איז די אפאזיציע ווערט א שישקע פולוועה, אבער קיין גאנץ אנגענעהמע זאך מוז עס אויך נישט זיין.

און דער עיקר אין וואס פאר א צושטאנד נעמט ער דאס איבער די קהלה? א חולה-מסוכן, אלע איהרע אברים זענען קראנק, צובראכען אין משך פון יאהרען. דער וויכטיגסטער אבר, דאס הארץ—די מקוה (ביי דער יעצטיגער קהלה-קאמפעטענץ איז דאך די מקוה דאס הארץ)—איז אט דאס הארץ נעביך קראנק, אז עס איז א סכנה, דאס ס'וועט אויפהערען צו קלאפען. קאלט איז זי שוין נעביך און די יודען, וואס טובל'ען זיך, בעקלאגען זיך, אז זיי דערקיחלען זיך אין דער מקוה. און מיט דער שחיטה איז בעסער? יא, זי איז לעצטענ'ס טאקי בעסער, אבער דאך איז זי קראנק. דאסזעלבע איז מיט'ן בית-עולם. נו, דאכט זיך, אז שוין אלע פראגען וואס האבען א שייכות צו דער איצטיגער קהלה, האב איך אויסגערעכענט, ווארום וועגען אנדערע פראגען ווי יודיש טעאטער, ביבליאטעקען און נאך אזעלכע טריפה'נע פסול'ע ענינים, איז דאך מאן דכר שמיה.

טא פרעג איך נאכאמאל: וואס איז די מציאה?

ר' יעקב איהר זענט דאך געווען א בעשיידענער מענש, א נחבא אל הכלים, א מענש, וועלכער האט א סך געלייסטעט אויפ'ן פילאנטראפישען און געזעלשאפטליכען געביעט, וואו איהר האט געהאט א זעהר לייכטע האנד און איהר האט נישט געוואלט, אז מען זאל זערפון וויסען און פלוצים האט איהר זיך געלאזט אויסוועהלען. אמת, איהר האט זיך פערטיידיגט, אז מען האט אייך דאס פעקיל אנגעווארפען, איהר האט קיין אנדערע ברירה נישט געהאט, ווייל אייער גרופע, זעהענדיג, אז מען וויל די קהלה חרוב מאכען האט אונטערגעשטעלט אייערע פלייצעס, זאל זיין, אז דאס איז אזוי, כאטש איך ווייס נישט אויב דאס איז טאקי אזוי... אבער וויסען זאלט איהר, אז דאס פעקיל איז זעהר א שווערס און שטארק פעראנטוואָרטליך.

בקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רגזה של הקהלה, יעקב, וואס איז זיך געזעסען רוהיג און אין דער פרייער צייט זיך געגאנגען אין א קינא, געגאנגען שפאצירען אדער געלעזען א בוך, האט פלוצים גענומען אויף זיך אזא שווערען עול. איז אויס מנוחה, אויס קינא, אויס רוהיג לעבען.

שפאן דיך איין פאר קהל, וואס איז נישט דאנקבאר, וואס קען מעהר ווי צרות נישט געבען.

דערפאר טאקי וויל איך, אלס אייער באמת גוטער פריינד אייך אויסדריקען מיין הארציגסטען מיטגעפיהל.

סמאל

Bata

פוילישע שיך - געזעלשאַפט אין קראקא

עפענט א געוועלב

אין טשענסטאָכאָוו

№ 27. אַלעע .2-טע

מיר עמפפעהלען מאַרערנע, דויערהאַפטע, עלעגאַנטע און בעקוועהמע שיך צו איינהייטליכע פרייזען.

10.90

פאסאָן 9815-03
עלעגאַנטער און זעהר ביליגער לאַטש פון שווארצען סאמעט, הויכער שיקליפער אָבצאַס.

19.90

פאסאָן 9875-01
עלעגאַנטער שוואַרצער לאַקירטער פאַנטאָפעל, אויף א הויכן אָבצאַס, ענטשפרעכענד צום טאַנץ און וויזיטען

19.90

פאסאָן 2862-01
מיט סאַמעט ארומגענומענע צוגעמאַכטע גומענע קינדער שניענאָווצעס.

9.90

פאסאָן 2945-11
נאָך איינקויפען און צום טעגליכען געברויך — די בעקוועהמע און דויערהאַפטע פאַנטאָפלען אויף א פאסעקיל פון שוואַרצען אָדער ברוינעם באָקס.

24.90

פאסאָן 9977-27
שוואַרצע און געשנירטע שיך פון ערשטקלאַסיגען באָקס אויף א פעסטער לעדערנער פאַדעשווע.

24.90

פאסאָן 3967-22
אויף א שלעכט וועטער די שיך פון שוואַרצען באָקס-לעדער אויף א פעסטער גומענער פאָדעשווע

29.90

פאסאָן 9937-18
מענער-לאַטשען פון שוואַרצען באָקס אויף א פעסטע פאָדעשווע, בעקוועהם און זעהר דויערהאַפט.



Zastępca: I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15.
Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927.

אַלע סוחרים און פאבריקאַנטען

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון סוחרים און פאבריקאַנטען האָט בעשלאָסען צו בעשטייערען פאר דעם פאָנד קעמפען מיט ארבייטסלאָזיגקייט—אין דער גרויס פון 3 פראָצ. פון דעם גרונד-פרייז פון האַנדעלס-פאַטענטען.

גלייכצייטיג ווערט מיטגעטיילט, אז דער דאָזיגער אבצאהל בעטרעפט פון 2-טע האַנדעלס-קאַט. 8.10 זל., פון 3-טע 1.50, פון 4-טע 1 זל., 4-טע קאַט. אינדוסטריע — 18 זל., 5-טע קאַט. 6 זל., 6-טע 2,40 זל., 7-טע 1,20 זל. און 8-טע קאַט. 1 זל.

ווער וויל דאָס נישט זיין אין תל-אביב?

דאַכט זיך, אז יעדער יוד וויל כאָטש איין מאָל אין לעבען בעזוכען די איינציגע יודישע שטאָדט אין דער וועלט תל-אביב.

און כדי צו האָבען דעם איינדרוק, אז מען איז געווען אין תל-אביב, דאַרף יעדער טשענסטאָכאָווער יוד בעזוכען דעם היינטיגען שבת אָווענד דעם גרויסען באַל, וואָס קומט פאַר אין זאַל פון די פייערלעשער און וועט קאָנען דרייסט זאָגען, אז ער איז געווען אין תל-אביב.

„פועלי אגודת ישראל" ווארשער 17

היינטיגען שבת א חבר'שער שלוש-סעודה.

מוצש"ק האַלב 5 אָווענד אַנ'אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון יוגענדליכע רעליגיעזע ארבייטער. מיט רעפעראַטען וועלען ארויסטרעטען איינינע עלטערע חברים פון פא"י.

ספאָרט.

פון די באָקס-קאַמפען.

פערגאַנגענעם שבת זענען פאַרגעקומען זעהר אינטערעסאַנטע באָקס-קאַמפען צווישען דעם יודישען אקאַדעמישען ספאָרט-פעראיין פון ווארשא און דעם היגען יודישען טורן-און ספאָרט-פעראיין, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט א זעהר גינסטיגען רעזולטאַט פאַר די היגע 4:6.

נאָך דער וואַרימער בעגריסונג פון די געסט דורכ'ן פרעזעס דר. ל. אש און דאַנק פאַר דער גוטער אויפנאַהמע פון ה' (זשאס) איז פאַר-געקומען א אויסטויש פון אָנדענקונגס-פאָהנדלעך.

די ערשטע פאַר קעמפען: אייזענשטיין (זשאס)—ווייסבערג (יטספ), וועלכער איז אונבעדינגט געווען דער בעסטער באָקסער פון אָווענד, ער ווארפט אָן דעם ווארשאווער א שנעלע טעמפאָ, וועלכע ער דערהאַלט ביז'ן סוף. דאָזורך קומט דער געגנער נישט צום וואָרט און ווייסבערג געווינט איינשטימיג נאָך א שעהנעם און לעבהאַפטען קאַמף. דער יונגער (צו-לאַנגזאַמער) זילבערבערג (יטספ) רעמיזירט אונערוואַרטעט מיט דעם שווערערען פאיאַנק (זשאס) דער נישט - דיספאָנירטער שיין (יטספ) פערשפילט צו גאָלדבערג2 (זשאס), יורקעוויטש (איז בעשאָנקען געוואָרען מיט א זשעטאָן פאַר 10 קאַמפען אין יטספ) האָט רעמיזירט נאָך א שעהנעם קאַמף מיט דעם אויסגעצייכענטען גאָלדבערג1 (זשאס). צו די שענסטע קאַמפען געהער די בעגעגנונג צווישען דעם ערשטקלאַסיגען ראָסנער (זשאס) און כליוונער2 (יטספ). אין די ערשטע צוויי רונדען אטאַקירט דער שווערערער ראָסנער, וועלכער האָט אויך א איבערוואָג און כליוונער בעגניגענט זיך בלויז מיט פערטיידיגונג, אָבער אין דער 3 רונדע איבערגעהט כליוונער צום אָנגריף און ער האָט א איבערוואָג ביז'ן סוף; עס גענוגט אָבער נישט צום זיעג.

אין די פאַרמעטשען האָבען זיך אויסגעצייכענט: כוואַט און כליוונער 2.

רינג-ריכטער ה' שמאַראַגד — אָביעקטיוו.

א.

פינג-פאָנג.

אסכּלה—גוויאַזדאַ 1:6.

בערלינער-פאָפער 11:21, טיבערג-אַמסטערדאם 14:21, ביבער-פשיראָווסקי 14:21 שיף-געלפארב 10:21, פלאָוונער-בוכוואַלטער 10:21, ווייסבערג-קאַט 14:21, בירענהאָלץ-ראָנבלום 22:24.

אסכּלה2—גוויאַזדאַ2 3:4

נייפעלד-טענענבוים 12:21, ערליך-געלבער 20:22, קראַסנער-האַראָוויטש 21:11, פעלדמאַן-גרינשטיין 21:6, סרעבניק-באָבראָווסקו 29:27, וואַלדבערג-יאַקובאָוויטש 15:21, טיבערג-יוזעפאָוויטש 17:21.

וואַרטאַ—אסכּלה 2:5.

מיסקאַ-בירענהאָלץ 15:21, גאָטליעבפלאָוונער 21:13, שערער-ווייסבערג 21:14 העלמאַן-שיף 19:21, זעלקאָוויטש-טיבערג 18:21, אדלער-בערלינער 17:21, גיטלער ביבער 17:21.

די מייסטערשאַפט פון פינג-פאָנג אין אסכּלה האָט גענומען שיף, דאָס צווייטע אָרט—ווייסבערג.

ח. ב.

דרייפוס פראָצעס.

מאָרגען שבת וועט אין היגען פוילישען טעאַטער אויפגעפיהרט א פרעמיערע: „דרייפוס פראָצעס" אין 6 בילדער.

די דאָזיגע פיעסע איז גוט איינרעזשירט געוואָרען און וועט אויסגעפיהרט ווערען ערשטקלאַסיג און עס איז מעהר ווי זיכער, אז אויך די יודישע בעפעלקערונג וועט וועלען זעהען די גרויסע טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אמאָל אָבגעשפּיעלט אין פראַנקרייך.

דאַנקזאַגונג.

מיר דריקען אויס אונזער דאַנק דעם ה' אדוואָקאַט ד"ר לעאָן אש, פאַר זיין דורכפיהרען דעם קאָנפליקט פון פראָפ. לעדער - פעראיין מיט'ן שטעפער-מייסטער משה בערקענשטאַט אויף א פרידליכען אויפ'ן, נישט וועלענדיג נעמען קיין האָנאָראַר.

די פערוואַלטונג פון לעדער-פעראיין.

מעלדונג.

אויף דער פערוואַלטונגס-זיצונג פון 6 דעצעמבער 1931 איז בעשלאָסען געוואָרען אויסצושליסען אַלס מיטגלידער פון האַנדווערקער-פערבאַנד דעם ה' אברהם פרידמאַן גאַרנצאַרסקא 23, פאַר צונעמען געזעלשאַפטליכע געלטער.

די פערוואַלטונג פון צענטראַלען יוד. האַנדווערקער - פערבאַנד אין טשענסטאָכאָוו.

מעלדונג.

דעם ה' אברהם פרידמאַן, גאַרנצאַרסקא 23, פאַר צונעמען געזעלשאַפטליכע געלטער, ווערט אָבגעשטעלט אין זיין רעכט אַלס מיטגליד פון יודישען שניידער-צעך.

די פערוואַלטונג פון יודישען שניידער - צעך אין טשענסטאָכאָוו.

„Grand-Kino"
קאָשטשושקי גאַס.
לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

היינט! — היינט!

„Pieśniarz Gór"

גרויסע געזאַנג - קלאַנג - דראַמאַ.

אין דער הויפט-ראָל דער שטערן פון „מעטראָפאָליטאַן-אָפערע אין ניו-יאָרק, דער בעריהמטער באַריטאָן לאָווערענס טיבעטט. רעזשי: ליאָנעל באַרימור.

איבער'ן פראָגראַם: אַקטואַליטעטען און א הערליכע קאָמעדיע.

Teatr „ODEON"
אַלעע 27.
לעצטער סעאַנס 10 אָווענד.
אויפ'ן 1 סעאַנס קרעסלען 1 זל.

פון שבת און ווייטערע טעג. — נייער שלאַגער פון פראַנצויזישער פראָדוקציע!

הערליכע מעלאָדישע פילם-אָפערעטע!

Z ROZKAZU KSIEŻNICZKI

ריהרענדע צופאַלען פון א אָפיציר און שעהנע גרעפין

אין די הויפט-ראָלען: רייצענדע ליליען האַרווי, הענרי גאַראַט.

רעזשי: ה. שוואַרץ, שעפער פון אונגאַרישע ראַפסאָדיע. איבער'ן פראָגראַם: קלאַנ-צוגאָבען.

ערשטער מוזיק-טעאַטער קלאַנג-קינאָ
Nowości
אַלעע 12
לעצטער סעאַנס 9.30 אָווענד.
היינט און ווייטערע טעג.

HALKA

נאָך דעם אונגעהויערען ערפאָלג, כדי צו ערמעגליכען אַלע דאָס זעהען דאָס דאָזיגע בילד פון אונשטערבליכען פוילישען קונסטווערק פון סט. מאָניושקאָ

האָבען מיר בעשלאָסען צו ערנידריגען די פרייזען פון די בילעטען גאַלעריע 50 גראָשען, פּאַרטער 1 און 1,20, פאַר שילער 1 זלאָטע.

אָריגינעלע מוזיק פון מאָניושקאָ. — כאָר און סאָלאָ-געזאַנגען פון אָפערע-אַרטיסטען.

אין די הויפט - ראָלען: זאַריקאַ שימאַנסקאַ, זאַהאַרסקאַ א. א.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawca B. Bocian — Druk. B. Bocian, Aleja